פריינט פון יידיש לשון—וועסט ענד בראַנטש

זונטיק, ל״ג בעומר, דעם29־טן אַפּריל, 7 אַזייגער,

דיען סטריט, אין דיען סטריט שול גרויסן זאַל

300 יאָר פייערונג צום צוריקקער פון יידן קיין ענגלאַנד

רעדעס, רעציטאַציעס, געזאַנג ביי געדעקטע טישן.

איינטריט ביי פּראָגראַם.

אונזער טיפן מיטלייד מיט פריינט סעם לעוו צום טויט פון זיין שוועסטער ענִי מאַרקס, וועלכע איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגעןליידן.

פריינט פון יידיש לשון.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „וויטשעפּל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען״, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאָכעט דער כעלעמער פּאָעט״, שמואל ווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 296) זיבעצנטער יאָרגאַנג מאַי 1956 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

זמן מתן תורתנו — — אינם הונדערטסטן געבוירן טאָג פון פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד, „משה און מאָנאָטעאיזם״ ........ ** 1

מתן תורה (עסיי) ........ משה חילענסקי 5

אַ חלום (צום אָנדענק פון די מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ (ליד) ........ עללאַ זילבערג 7

מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין ווייב שיינה שיינדל אין תל־אביב ........ א. מייזלס 8

מיין אַננאַ ליזע, אין שקיעה־שעה, דריי לידער (לידער) ........ א. נ. שטענצל 12

דער פאָלקס העלד גדעון (פון דער סעריע „תנ״כישע געשטאַלטן״ ........ דר. יעקב י. מייטליס 15

יהודית (סוף) ........ 25

דער גרויסער שטאַאַטס־ווזיט און יידישע רעפּרעזענטאַנץ ........ אליהו פאַלושאַק 27

דער מאָרד פון די יידישע שרייבער ........ ש. 30

קולטור ידיעות פון לאָנדאָן (שער בלאַט) ; קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

א. נ. שטענצל

## „בן חמש למקרא“

(צו די פינף יאָר „יידישע שטימע“)

אַ שיר המעלותל איבער אַ יולדת
איז אַמאָל אַ בלאַט צייטונג געוועזן,
ווייל יינגלעך זיינען אונטערגעוואַקסן
און האָבן יידיש דעמאָלט געלעזן.

היינט איז אַ צייטונג לײדער נאָך,
אַ קוויטל אין אַן „אוהל“ אַריינצולייגן:
אפשר וועט זיך אַ לייענער אויפכאַפּן.
אָ, אַרום אונז דער טויטער שווייגן!

## דר. מוקדוני אַ בן שמונים

מיר ווינטשן אים, דעם ווירטואָז פון דער יידישער פובליציסטיק, דעם התלהבותדיקן קעמפער פאַר יידיש און פאַר דער ריינקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, דעם באַרימטן ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער, דר. מוקדוני, די יידישלעכע ברכה: עד מאה ועשרים שנה.

## פריינט פון יידיש לשון

גרייט צו פאַר דינסטיק, דעם 29־טן מאַי, 7.30 אָוונט, אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1, אַ גרויסע פייערונג צום 100־טן געבוירן־טאָג פון

## יעקב דינענסאָן

געדענקט דעם טאָג און קומט אַלע זיך צו באַטייליקן אין דעם יום טוב צום מחבר פון „יוסעלע“ און „הערשעלע“.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 5 (העפט 296) זיבעצנטער יאָרגאַנג מאַי 1956 לאָנדאָן

## זמן מתן תורתנו

(אינם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד)

אין די אור־פינסטערנישן, אין די תהום־טיפענישן פון אונזער דוממדיקן זיין, אינם חיהשן תוהו־ובוהו פון אונזערע צעשאָטענע אינסטינקטן און שאָטנדיקע געפילן, — אין דער תאוה־שרעק ווען אַלץ האָט נאָך משמש געווען בערבוביא! — איז פונם זיווג־ראשון פון וויסן און געוויסן געבוירן געוואָרן דאָס וואָרט — עס איז געשען די התגלות!

דער רואה ואינו נראה איז געשטאַנען ליכטיק איבערן מענטש און גערעדט מיט אים פה אל פה. עס האָט נשמהדיק אויפגעאָטעמט אין אים מיט קלאָרן „יאָ“ און זיכערן „ניין“. דער חומר האָט „דערהערט“ דעם ניאוף־גערוך פון אייגענעם גוף און דעם בלוטיקן ריח פון רציחה; דערפילט דעם פאַרשאָלטענעם נע ונד, די זאָרג און די שרעק אין דעם כסדרדיקן טאָג־טעגלעכן געוועקסל פון געבוירן און טויט.

„גאָט האָט אַריינגעקוקט אין דער תורה און באַשאַפן די וועלט“. און „וואָס אַ תלמיד ותיק איז מחדש איז שוין מסיני“ — דאָס וואָרט, די נקודה, איז דער מיטלפונקט אַרום וואָס דער גאַנצער באַשאַף האָט זיך אָנגעהויבן, און הערט זיך נישט אויף צו דרייען.

פונם ספר יצירה אָן, שוין צוגעשריבן צו אברהם אבינו, ביז צום לעצטן מדרש און מאמר החכם זיינען עס נאָר קאָמענטאַרן צום גרויסן „אנכי“־וואָרט אינם אייביקן קאָנפליקט צווישן יאָ און ניין, צווישן וויסן און געוויסן. יעדער דור שטראַלט אַרויס פון זיין פינסטערניש מיט אַ נייער באַלייכטונג, מיט פרישן אויסטייטש, יעדע תקופה מיט אַן אַנדערער השגה — מיט איר מדריגה!

און וואָס זיינען דען אַלע אונזערע ספרי יראים און ספרי מוסר, איבער חובת הלבבות, אורחות צדיקים, קו הישר, מסילת ישרים ביז די לעצטע פון די חסידישע ספרים, אויב נישט דער אויסגלייך פון גוף און נשמה — די גרויסע שבת מנוחה פון „בחמרא טבא דבי תחדי נפשא“! ווי עס טייטשט אַ חסידישער רבי דעם זמירות־פסוק: אין אַ געזונטן חומר איז דאָ אַ פריילעכע נשמה.

די גאַנצע תורה שבכתב און שבעל פה איז דער קאָדעקס פון „וחי בהם“ — עס זיינען די פאַרשריפטן פון יאָ־טון און נישט־טון, כדי צו קאָנען לעבן אין דעם גרויסן קאָנפליקט פון וויסן און געוויסן. יעדער מענטשלעכער ריר איז אונטער קאָנטראָל. אפילו פאַרן שלאָפנדיקן און פאַרן טויטן, פאַרן פראָצעס נאָך אײדער מען ווערט געבוירן זיינען דאָ רעגלען און געזעצן.

די שאַרפע דיאַלעקטיק פון דער יידישער הלכה זוכט בייצוקומען דעם כיט־

רעסטן אינסטינקט, און „תשובה תפילה וצדקה״ איז „מעבירין את רוע הגזירה״ — אפילו פאַרן סאַדיסט און מאזאכיסט זיינען נאָך פאָרגעשריבן ווערטער זיך מתודה צו זיין, און תפילות דעם פינסטערסטן נפש צו באַרויִקן.

און ווי געַנוי, ממש וויסנשאַפטלעך, ס׳איז אויסגעאַרבעט די סקאַלע פון די ווידויים, „ביודעים ובלא יודעים״, „ועונית שאינם ידיעים לנו״, ביז מען קומט צו די „תשובות־המשקל״ — — — און דער „תינוק שנשבה״ ווערט ווידער באַפרייט ווי אין טאָג פון זיין געבוירן.

אַז עס איז נישטאָ קיין פלאַץ און קיין רגע וווּ מען שטייט נישט פנים אל פנים מיטן רואה ואינו נראה, מען מוז נאָר דאָס איין איינציקע וואָרט, דאָס ריכטיקע! — אַרויסקריגן און אַלץ איז אַזוי קלאָר און אָפן ווי אינם טאָג ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

און אַפילו מיט אַ ציִענדיקן ניגון אָן ווערטער קאָן מען זיך מתבודד זיין אין העכסטע וועלטן פון די עולמות עליונים און פונם טיפסטן שאול תחתיה מיט זיך מעלה זיין די פינסטערסטע קליפות—דאָספראַווען זיך ביי די רביים.

דער כסדרדיקער חשבון הנפש מיט זיך, דער דרך־ארץ פאַר גזע און טראַדיציע אין די דערהויבענע פאָרשטעלונג פון סעקס אין דער קבלה, וואָס קאָן ממש דערגריין איִזאיר העכסטער דערגרייכונג ביז צו דער פערסאָניפיצירונג פון דער שכינה הקדושה, כביכול.

° ° °

פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד האָט געפּרוווט אַ סך פון דעם דערמאָנטן צו פּאָפּולאַריזירן און פאַרטייטשן אין זיין פסיכאָ־אַנאַליזע טעראַפּיע סיסטעם, אַ סך באַוווסט אָבער מער נאָך אומבאַוווסט — ירושהדיק, אינערלעך־טראַדיציעדיק.

אפילו אין זיין אַזוי אַדורכגעאַרבעטער און באַרימטער טרוים־טעאָריע גייט ער שוין אויף יעקב אבינוס חלום־לייטער. און יוסף האָט שוין אין מצרים דורות מיט דורות פאַר משהן פותר געווען חלומות. און דאָס גאַנצע ספר דניאל איז דאָך איין חלום־בוך פון דער באַבילאָנישער הערשער דינאַסטיע. און דער „שאלת חלום״ ביי יידן איז אַ נאַטירלעכער ענין און אַ „תענית חלום״ איז דין. און דער מחבר פונם יידישן קאָדעקס, פונם „שולחן ערוך״, האָט נאָך אַ „מגיד״ וואָס רעדט צו אים אין חלום.

פאַרן ווילנער גאון דערציילט מען, ווען אַ תלמיד האָט אים איבערגעוועקט פון שלאָף האָט ער זיך איבער אים געבייזערט, ווייל אין איין רגע אין שלאָף לערנט ער מער ווי וואַכעדיקערהייט אַ גאַנץ יאָר. און נאָך אין אונזערע דורות האָט דער אָסטראָווצער גאון געפאַסט 40 יאָר אַ תענית חלום.

צום מיסטעריעזן אומבאַוווסטן, צו דער געהיימער סימבאָלישער האַנדלונג ברויך מען נישט ערשט ווייט צוריקצוגיין צום זוהר און אר״י הקדוש, צו די קבלה־מעשיות אַרום ים התיכון; זיינע בני עיר דער מהר״ל מפראג און דער רבי ר׳ יהונתן געניגן אונז שוין. האָט דאָך דער ערשטער נאָך געמאַכט דעם גולם, און דער צווייטער האָט מלכים און פרינצן געטיילט קמיעות.

אָבער פרוידס צוגאַנג צו די אַלע טיף יידישע ענינים איז נישט קיין מיסטיש



רעליגיעזער, אפילו נישט חקיריש פון גרויסער השגה, נאָר אַ משכיליש ראַציאָנאַליסטישער, אַ פּראַקטיש־פאַרנונפטיקער ווי זיין לייכט־גלויביקער, אַסימילירטער „דייטש־מערישער״ מערב אייראָפּעאישער ייד; ווי פילון פון אַלעקסאַנדריען, פונם העלעניסטישן! דער פרייסטער און טיפסטער פון זיי איז מסתם געווען ברוך שפינאָזע, אָבער ער, דער גרעסטער און דערפאַר פשוטסטער, לייקנט לגמרי נישט, אַז ער איז געווען באַאיינפלוסט פון די יידישע חוקרים פון מיטלאַלטער. פרוידס פסיכאָ־אַנאַליזע איז די פראַקטישע עטיק פונם צעריסענעם מענטש אינם „צעשפאָלטענעם״ 20־סטן יאָרהונדערט.

פרוידס „משה און מאָנאָטעאיזם״, כאָטש ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָלט זיין אַן עקזאַקטער וויסנשאַפטלער און באַווייזט באותות ומופתים, אַז משה איז נישט געווען קיין ייד, נאָר אַן עגיפּטער, וועט געהערן צו די יידישע מקורעדיקע ספרים, ווייל דאָס בוך „משה און מאָנאָטעאיזם״ וועט בלייבן מער אַ זעלבסט אַנאַליזע פון אַ דערשראָקענעם ייד פון משהס גלויבן, פאַר די איבערמענטשלעכע יסורים פון זיין פאָלק און פאַר וועלן באַווייזן אחדות הבורא, ווי דער קליינלעכער טייל פון משהס מצרישקייט, און נישט יידישלעכע ביבל־קריטיק פון אַ מאָדערנע אפיקורסות — דער אייראָפּעאישער הומאַניזם.

אויב פרויד געהערט נישט צו די גרויסע אַפּאָקאַליפּטישע זעער פונם יידישן מאָנאָטעאיזם, געהערט ער אָבער זיכער צו די אַפּאָקריפן שריפטשטעלער, וואָס ביי זייער גאַנצן העלעניזם פאַרטיידיקן זיי גאָט און האָבן אַ לירישע אינטימע, ממש מעדיומשע שייכות צו אים — זיי שפּילן זיך מיט אים, שוין אַ ביסל ווי איבערגעוואַקסענע, אַלט קלוגע קינדער, אָבער זיי רייצן זיך נישט מיט אים. זיי ווייסן, אַז זיי זיינען גאַנץ אין זיין האַנט...

עס איז רירנדיק, ווי דער טעאָרעטיקער פון סובלימאַציע, אויף זיינע אַלטע יאָרן, נערוועז און דערשראָקן, ווען היטלער, ימח שמו, ליקווידירט שוין אפילו מיט דער יהודימשער אַסימילאַציע, אין די יאָרן פון קאַניבאַלישן אַנטיסעמיטיזם, וויל דער אַלטער אינטעלעקטועלער משכילישער יהודי נאָך אָפּראַטעווען כאָטש זיין גאָט, זיין העכסטן גלויבן אין מאָנאָטעאיזם, און מאַכט דערפאַר, — אין זיין מענטשלעכער דערשראָקנקייט און יידישלעכער נעבעכדיקייט!... — משהן דעם שעפער פון אחדות הבורא, פאַר אַ ריינראַסיקן עגיפּטער.

* * * * *

לויט ווי די יידישע לעגענדע דערציילט, האָט דער רמב״ם, דער אינטעלעקטועלסטער ייד פון זיין צייט, דער גרעסטער יידישער וויסנשאַפטלער פון מיטלאַלטער, געזאָלט האָבן געמאַכט אַן האָמונקעלוס אין אַ פלאַש. האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַז מען וועט נאָך אָנהויבן גלויבן אין אים, אין האָמונקעלוס, ווי אַ גאָט, ווייל ער וועט לעבן אייביק. האָט ער די פלאַש צעבראָכן.

דער משכילישער ראַציאָנאַליסט און עקזאַקטער וויסנשאַפטלער, פרויד, האָט אין זיין קליניש רעטאָרטע־גלעזל געוואָלט דעם סוד פון גאָט צעלייגן אין אַלע זיינע יסודות — זיין טאַטעם־חיה־גאָט גייט אָבער נישט ווייטער ווי דאַרווינס אוראַנג־אוטאַנג־מענטש און ווי פּאָליסעס מענטש געוואָרענער גאָט.

מיט זיינע „וואָננע און זאָננע״ נערסערי ריימס, וועט פרויד אויך ווייטער

ניִשט קומען ווי מיט דעם רעטאָרטע גלעזל איבערן גאַז־פלעמל — דער יידישער „אנכי״־גאָט איז שוין דער אייביקער סנה וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט, נישט נאָר אויף די שפּאַנישע שייטערהויפנס, נאָר אפילו נישט אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן און אין די קרעמאַטאָריום פלאַמען.

## „משה און מאַנאָטעאיזם״

ראה זע, ווי אָן אַ שיעור דער אונטערשיד,
צווישן אַ מערב־ און אַ מזרח־ייד;
שלום אַש פון גויאישן ישו, אפילו,
געטון טון מאַכן אַ בעל־שמסקע איניקל,
און פון אונזער גרויסן יידישן משה, פרויד
פאַנטאַזירט זיין אינפּיריאָרי מייניגל.

סובלימירן — זיך אַסימילירן ס׳מיינט!
די ערלים האָבן אונז רציחיש פיינט,
נו, קאָן נאָך גאָט דער פאָטער, צוזאַם מיט זיין זון,
חלילה־וחס אַן עוולה אויך נעבעך ליידן;
איז מען דאָך אַ ייד, וואָסער חכם נאָך דערצו,
מאַכט מען אַ מצרי, ריינראַסיק, פאַר גאָטס זיידן.

ווייס איך וואָס, ער געהער זיך אָן מיט אונז?
משה איז דאָך אַן עגיפּטישער פרינץ!
און די מעשהלעך, אינפאַנטיליש, פון חומש?
לײנט דאָך די ביבל־קריטיק און איר וועט וויסן —
מען האָט אים געשאָכטן משה׳ן, פון אים געמאַכט,
האָטנטאָטן גוט־באַטעמטן „טאָטעם״־ביסן — —

דער מענטש — דער „סופער״־באַרבאַר האָטענטאָט,
זיין גרעסטער באַראָבאַן צעפּויקט זיך האָט —
— — — — — — — — — — —
גאָט משיג זיין, געניגט נישט אויסגעוועפּטער גרוך,
פון גוט־איינגעהאַקטע גריוועגעס מיט ציבל...
קינדישסטע מעשה פון באָבעשע טייטש־חומש
טיפער פון אַלע טעאָריעס איבער ביבל —

„ואני בבואי מפדן ארם — —״
וואָס איז שוין שרעק אין טאָג פון אַ פּאָגראָם,
צי צומאָל, ווען צעשפּליטערן ס׳וועט דער אַטאָם,
און גאַנצער ערד־קיילעך געקוילעטער ווידער,
קייגן יעקבס שרעק, ווען מאַמע רחל שטאַרבט אים,
צי ראובנס, ווען יוסף פאַרקויפט פון די ברידער.



משה ווילענסקי

## מתן תורה

דאַמאָלט איז פאָרגעקומען אַ וואונדערבאַרע געשעעניש אין דער וועלט־געשיכטע. די דערשלאָגענע קנעכט האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם אייזערנעם יאָך פון טיראַנישע האַרן, און אין אַ פרילינג טאָג האָבן זיי גענומען וואַנדערן אין דעם גרויסן מדבר, און געאָטעמט פריי האָט דאָס קליינע פאָלק פון זעקס הונדערט טויזנט מענטשן אין דעם שרעקלעכן מדבר. זיי גייען צו זייער פאָטערלאַנד, און זיי פירט דער געטלעכער פירער משה.

דער פירער דערקענט ערשט איצט זיין פאָלק, און זעט אין זייער וואָגלען אין דעם מדבר מערער, ווי ער האָט געזען אין מצרים אין זייער קנעכטשאַפט. אין מצרים האָט ער נישט געקענט זיך צוקוקן צו זיין פאָלק און באַטראַכטן זיינע מעלות און חסרונות. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון זיין וואונדערבאַרן פאָלק. אין מצרים האָבן די צרות פון זיין פאָלק נישט געלאָזט פילאָזאָפירן וועגן גייסטיקע אייגנשאַפטן. דאָרט האָט ער בלויז געזען נאַגאַיקעס, שרעקלעכע רציחות און אומרעכט, און ער האָט באַשלאָסן אַז מען מוז זיי באַפרייען. אַ פאָלק פון זעקס הונדערט טויזנט טאָר נישט ליגן אונטער פרעמדע טישן און קלויבן ברעקלעך ברויט וואָס איז געקנאָטן אין זיין בלוט און שווייס; אַ פאָלק דאַרף נישט אַרבעטן אויף פרעמדע פעלדער און בויען פרעמדע שטעט. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט זעענדיק, ווי אַ גאַנץ פאָלק קלויבט שטרוי אויף ציגל פון גאַנץ פרי ביז נאַכט, און ער האָט באַשלאָסן, אַז עס מוז געשען עפּעס שרעקלעכעס, עפּעס אומגעוועגלעכעס. גרויסע שרעקלעכע דונער־קולות פלעגן שרייען אין זיין האַרצן און קאָפּ: אַרויס פון מצרים, אַרויס פון דער ענגער שמוציקער געטאָ גושן — פרייהייט און רעכט.

און עס איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע. אין דריטן חודש, סיון, ווען זיי האָבן געוואַנדערט, זיינען זיי געקומען אין מדבר סיני. דאָרט האָט משה באַשלאָסן אַ סטאַציע צו מאַכן.

אין די צוויי חדשים האָט ער בעסער דערקענט זיין פאָלק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויסלייזן פון קנעכטשאַפט איז נאָך נישט אַלעס. ער האָט איינגעזען אַז אַ פאָלק וואָס איז הונדערטער יאָרן דערצויגן געוואָרן אין קנעכטשאַפט, קען נישט מיט אַמאָל ענדערן זיין קנעכטישן כאַראַקטער. די קייטן זיינען צובראָכן, אָבער קנעכטישע געפילן זיינען געבליבן. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז יציאת־מצרים אַליין איז נישט גענוג. אַ פאָלק וואָס זאָל לעבן פריי און זעלבסטשטענדיק מוז זיך צוגעוווינען זיך אַליין צו שעצן און אַכטן, צו גלויבן אין זיך און אין זיין אייגענער קראַפט, און זיי טאָרן נישט מעסטן פרייהייט מיט אַ טאָפּ ציבעלעס.

יציאת מצרים איז נאָר אַ התחלה, דער ערשטער שריט צו אַ פיל העכערן ציל. ער מוז ענדערן און אויסראָטן זיינע קנעכטישע זיטן און אין אים אַריינגעבן אַ נייע נשמה מיט אידעאַלן און מוסר. ער האָט פאַרשטאַנען אַז נאָר דער הויכער

אידעאַל וועט געבן דעם פאָלק קראַפט אַריבערצוטראָגן אַלע געפאַרן, און געבן סבלנות דאָס ער זאָל ביי די ערגסטע אומשטענדן נישט פאַרלירן זיין מוט.

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס משה האָט געדענקט, ווען ער האָט געזען, ביים ים־סוף, ווען ישראל האָט דערזען פרעה׳ס סאָלדאַטן, זיינען זיי דערציטערט געוואָרן און געשריען: „איז דען נישטאָ קיין קברים אין מצרים, וואָס דו האָסט אונז פאַרפירט אין מדבר צו שטאַרבן?... מיר האָבן צו דיר דאָרטן געזאָגט: לאָז אונז צורו און מיר וועלן זיין קנעכט אין מצרים. בעסער צו זיין קנעכט אין מצרים איידער צו שטאַרבן אין מדבר!“

אַזעלכע ווערטער האָט משה נישט דערוואַרטעט. ער האָט אוודאי דערוואַרטעט דעם היפוך, אַז ווען זיי וועלן דערזען זייער פיינט וועלכער האָט זייער בלוט געטרונקן, וועלכער האָט זייערע קינדער אין נילוס געשליידערט, וואָס האָט זיי אין פנים געשפיגן און מיט די פיס געטראָטן און זיי געהאַלטן אין דער ענגער גושן — וועלן זיי אויסשרייען: מיר וועלן מלחמה האַלטן ביזן לעצטן מאַן, אין דער מדבר שטאַרבן אָבער נישט גיין אין מצרים; און אַ צווייטן מאָל אין מדבר שור בעת עס האָט זיי אויסגעפעלט וואַסער, און אין מדבר סין, האָט מען געקענט זען זייער שמוציקע נשמה: „הלוואי וואָלטן מיר בעסער געשטאָרבן אין מצרים ביים טאָפ פלייש; און שפּעטער האָט שוין געהאַלטן ביי שטיינער וואַרפן אויף זייער פירער. אַזאַ פאָלק איז דען ווערט זיי אַ לאַנד צו געבן? וועלן זיי וויסן ווי עס צו האַלטן; וועלן זיי נישט פאַרקויפן דאָס לאַנד פאַר ציבעלע און קנאָבל און אַ טאָפ פלייש?

און ער האָט פעסט באַשלאָסן, אַז מען מוז זיי געבן אַ תורה. מען מוז זיי לערנען צו פילן און פאַרשטיין ווי צו האַלטן דאָס לאַנד און שעצן אידעאַלן פון פרייהייט און רעכט.

משה גייט אַרויף אויף דעם הר האלהים. זיין פאָלק איז געשטאַנען אונטער דעם באַרג און הערט דונערן און זעט בליצן און וואָלקנס פייער, פלאַם און רויך, און דאָס פאָלק שרעקט זיך, דאָס פאָלק נעמט עפּעס פילן, אַז דער באַרג סיני וועט האָבן אַ גרויסע ווירקונג, נאָך אַ גרעסערע פון יציאת מצרים. זיי פילן אַז זיי וועלן מוזן אַנדערש ווערן — און דער באַרג סיני האָט זיך געקייקלט אין רויך און פייער און פלאַם בליצן זיינען געפלויגן אַהין און אַהער און סימבאָליזירט אונזער תורה.

און די אגדה פאָעטיזירט גאַנץ שיין: „אין דעם מאָמענט האָט קיין פויגל נישט געצוויטשערט, קיין פליג נישט געפלאַטערט, קיין אָקס נישט געשריגן, די מלאכים האָבן אפילו קיין קדוש נישט געזאָגט, דער ים האָט זיך נישט באַוועגט, די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן שטיל, און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ דונער־שטימע מיט די שאַרפע קורצע ווערטער — אנכי—“

דאָס פאָלק אונטער דעם באַרג האָט געציטערט ווי טרוקענע בלעטער אין שטורעם ווינט. און דער איש אלהים האָט זיי באַרואיקט: שרעקט אייך נישט, מען פאַרלאַנגט נישט פון אייך קיין שווערע זאַכן, מען פאַרלאַנגט נאָר פון אייך, מאַכט אייך נישט קיין זילבערנע און גאָלדענע געטער. דינט גאָט וואָס האָט



באַשאַפן הימל און ערד. ליבע און גערעכטיקייט זאָל הערשן ביי אייך. איר זענט אויפן וועג צו אייער ציל. רייניקט אייך פון דעם שמוץ צו וועלכן איר האָט זיך צוגעוווינט אין גושן, דערהויבט אייער פרייען גייסט, וועלכער איז געוואָרן צושטערט אונטער פרעה׳ס יאָך, און היט די תורה, דאַן וועט איר פאַרשטיין צו אַכטן פרייהייט און ליבן אייער פאָטערלאַנד.

---

## עללא זילבערג

# א חלום

(צום אָנדענק פאַר די מאַרטירער פון וואַרשאַווער געטאָ)

איך האָב מיין קינד ביינאַכט אין שלאָף דערזען,
זי האָט צו מיר גערעדט ווי זי וואָלט לעבעדיק געווען:
מאַמע, פאַרוואָס לעבסט דו אַליין אין אַזאַ גרויסע שטוב,
און איך מיט הונדערט אַנדערע ליג אין איין און איינציק גרוב?

מאַמע, פאַרוואָס האָט מען מיך באַגראָבן אַזוי יונג!?
איך האָב געהאַט אַזוי פיל האָפנונג,
און האָב דאָך היטלערס מין אַפילו ניט געקענט,
פאַרוואָס האָב איך געמוזט פאַרבלוטן אין זייערע הענט?

זיי האָבן אויסגעבערענט די אויגן פון מיין קאָפּ
און אויסגעריסן יעדן האָר פון מיין פאַרפלאָכטן צאָפּ,
זיי האָבן גליד פאַר גליד געצויגן פון מיין לייב
איך בין געווען פאַר זיי אַ לוסטיק צייט־פאַרטרייב.

איך האָב אַמאָל געליבט דעם הימל און די זון
פאַרוואָס האָט מען מיך אָפּגעריסן איצט דערפון,
און איינגעשפּאַרט אין קבר קאַלט און נאַס
מיט אַלע קינדערלעך פון אונזער יידיש גאַס?

מאַמע כ׳וויל אַרויס פון דאָרטן, כ׳וויל צו דיר,
פאַרוואָס פאַרשליסטו איצט פון מיר דיין טיר
און האַלסט דיין פנים צוגעדעקט מיטביידע הענט,
זאָג, צי האָסטו מיך דען ניט דערקענט?

אַזוי האָט שטיל מיין קינד צו מיר גערעדט,
איך האָב געהערט איר טענות, איר געבעט,
איך האָב גערופן „גאָט, מאַך צו מיר אַ סוף!“ —
ביז אַן אויסגעמאַטערטע האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

## א. מייזעלס

# מנחם מענדל פון לאנדאָן צו זיין ווייב שיינה שיינדל אין תל אביב

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שייינה־שיינדל שתחי׳.

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום, השם יתברך זאָל העלפן, מען זאָל תמיד הערכן איינס פונם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישעות ונחמות, אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך האָב שוין אויסגעלערנט דעם ענגלישן לשון, דאָס הייסט אויסגעלערנט האָב איך נישט, נאָר איך קען. איך בין געגאַנגען אַ גאַנצע וואָך, יעדן אָוונט אין די קלאַסן און האָב באַלד געכאַפּט דעם שכל פון זייער לשון. איך האָב זיך אַליין ניט גערעכט, אַז עס זאָל מיר אָנקומען אַזוי גרינג. אין איין וואָך אויסגעלערנט די גאַנצע קונץ. זיי האָבן זיך אַלע געחידושט. סטייטש ווי איז דאָס מעגלעך? איך האָב געשמייכלט און מיין שותף מר. דייוויס האָט אויף זיי געגעבן דעם אמתן קוק און געזאָגט: — מנחם מענדל האָט אין קנאַפּל מער שכל ווי אַלע וועלכע זיצן אין „קאַפּע לייאָנס“. ווען ער זאָל נאָר ווען פאַרקנייטשן מנחה־מעריב, אָדער פאָרן שבת מיט אַ קאַר (אויטאָ), קאָן ער ווערן דאָ אין ענגלאַנד פריים מיניסטער, למאַי ד׳איזראַעלי?!

און פאַרוואָס מיינסטו זוגתי היקרה, האָב איך אין איין וואָך אויסגעלערנט ענגליש? ווייל ווען איך בין געקומען אין די קלאַסן, האָב איך שוין געקענט דעם לשון, ווייסטו דאָך מיך אוודאי פרעגן ווו כ׳האָב געלערנט. וועל איך דיר זאָגן בסוד, אַז ערשטנס ליין איך אַ סך יידישע „פּעיפּערס“ פון אַמעריקע און צווייטנס גיי איך יעדע וואָך אין יידישן טעאַטער און דריטנס האָב איך געלערנט פון מיין שותף מיט זיינע חברים וועלכע זיצן אַ גאַנצן טאָג אין „קאַפּע־לייאָנס“ און רעדן אַ „יידיש“, וואָס איז חצי ענגליש און פּאָלאָוועני יידיש משטיינס געזאָגט. וואָס דאַרפסטו מער, יענע וואָך בין איך געגאַנגען צו דער פּאָליציי זיך איבער־מעלדן, ווייל איך האָב זיך פון דער אַלטער דירה געמופט (איבערגעצויגן). קום צו צו דער פּאָליציי, איז מיר ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן. אויף דער טיר האָט געהאָנגען אַ גרויסע שילד אָנגעשריבן אין יידיש: „אַלע עליענס ווערן דאָ גערעדזשיסט, אָפּיס אָפּן ביז פינף אָ׳קלאָק“. דו פאַרשטייסט וואָס פאַר אַ „קאָנ־טרי“ (לאַנד) דאָס איז? מען איז אומעטום אין דער היים, ווי זאָגט די שוויגער זאָל לעבן: „בינד מיך און וואַרף מיך צווישן די מייניקע“.

איצט זוגתי היקרה, מאַך איך דיר באַקאַנט, אַז איך האָב בכלל אויפגעגעבן דאָס שדכנות געשעפט, הגם דער גרויסער שדכן אין מלכות ענגלאַנד, דער מר. היימי, איז עטלעכע מאָל צו מיר געקומען און געוואָלט מיט מיר מאַכן שותפות, אָבער ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רייד. דער מר. דייוויס האָט אים דאָס לעצטע מאָל שיער ניט צופּאַטשט, גאַנץ „קאַפּע לייאָנס“ איז געגאַנגען חאָדאָראָם. דער מר. דייוויס טענהט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר מיר צו האָבן צו טון מיט די יאַכנעס, מיט די גאָר נישט שעביגורנישטן, מיט די ליידיק גייערס, די פערדלעך שפּילער, די „לאו לייפס“ . . .

הקיצור, צו זיצן ליידיק איז דאָך ניט קיין תכלית, האָב איך זיך גענומען צו



מר. דייוויס, אַז ער זאָל מיר נאַרייען אַ בר־מצווה בחורל, איך זאָל מיט אים איינלערנען דעם מפטיר, די הפטורה און אַ „ספּיטש“. דעם אַנדערן טאָג זאָגט מיר מיין שותף מר. מנחם מענדל, ס׳וועט זיין אָלרייט, איך האָב פאַר אייך אַ בר מצווה, אַן אַנטיק, דער פאָטער איז אַ גרויסער מאַנופעקטשורער פון הויזן, ער האָט זיין „פעקטאָרי“ ניט ווייט פון דאַנען, קומט און מאַכט מיט אים „ביזנעס“.

מיר זיינען ביידע צוגעגאַנגען צו דער „פעקטאָרי“ און דער מר. דייוויס האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין פריינט מר. העריס און אים מניה ביה דער־ציילט, אַז איך קום אַרויס פון לויטער רבנים און, אַז איך בין געווען אין כתריליווקע, פיר יאָר רב אין שטאָט און ווען יעהופּעץ האָט מיך אויפגענומען פאַר רב, איז בשעת כ׳האָב מיך אויפגעזעצט אויף דער פור, אַז איך זאָל אַוועק־פאָרן, האָבן די כתריליווקער בעלי בתים, אָפּגעשניטן די לייצעס פון די פערד... הכלל, איך בין דעם פאַרשוין געפעלן און אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין צייט מיט מיר צו ריידן, האָט ער מיר געהייסן צו קומען פאַרנאַכט, וועט ער מיך מיטנעמען מיט זיין „קאַר“ צו זיך אַהיים קיין „קריקלווד“ . . .

פאַרנאַכט בין איך געקומען אין צייט, מ׳קאָן זאָגן מיט אַ שמיץ פאַר דער צייט. ווי זאָגט די שוויגער, „ווער ס׳שטייט אויף פרי, דעם העלפט גאָט“. באַלד איז דער מר. העריס אַרויסגעקומען און זאָגט מיר: „קומט!“ און פירט מיך צו צו אַ גרויסער „קאַר“, מאַכט אויף די טיר און זאָגט: „נו, געט אין“. דאָס הייסט, כמאַליעט אייך אַריין. לכתחילה האָב איך זיך ניט געטרויעט. אָבער סוף כל סוף בין איך אַריין אין אויטאָ. איי, ניט אומזיסט זאָגט די שוויגער זאָל לעבן, „אַ משכון צו פאַרזעצן און אַן עושר זאָל מען זיין“. ס׳לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבן אַזאַ נסיעה. מ׳זיצט ממש ווי אויפן היסב־בעט. מיין ערשטע קשיה איז געווען: „אויב,“ זאָג איך, „איר זענט יאָ אַ ייד אָן עין הרע אַן עושר, פאַר וואָסזשע וווינט איר נישט אין גאָלדערסגרין?“ שטעלט זיך אַרויס אַ מעשה, אַז „גאָלדערס גרין“ אַנטקעגן „קריקלווד“ איז אַ גאָר נישט שעביגאָרנישט. אין קריקלווד — דאָרט וווינט ערשט „דאָס רעכטע און געדעכטע“, די אמתע מיליאָנטשיקעס. דער מינדסטער פאַרמאָגט אַ מיליאָן אָדער אפשר מאה אלף. דאָס האָט מיר דער מר. דייוויס אַליין דערציילט.

הקיצור, מיר זיינען אַריין אין הויז. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זוגתי היקרה, ס׳איז ניט צום באַשרייבן. קודם כל זיינען די פאָדלאָגעס ניט פון קיין האָלץ נאָר אינגאַנצן געמאַכט פון דיוואַנעס און אויף די דיוואַנעס ליגן נאָך דיוואַנעס. ס׳איז „עקודים נקודים“. היינט זאָלסטו זען די שאַפעס, די טישן די שטולן. הערסטו, עס מעג טאַקע אַ רוח אין געלדס טאַטן אַריין, מיינע אויגן האָבן נאָך אַזעלכעס ניט געזען. אַז מען שמועסט וועגן מיליאָנטשיקעס איז דאָך ניט שייך... דערווייל האָט די דינסט אַריינגעבראַכט כיבוד. מיר האָבן זיך פיין צוזעצט און כמעט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט, פשוט דער־פאַר, ווייל דער מר. דווויס האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מר. העריס איז געבילדעט סכנות און אין די דריבנטשקע אותיות, איז ער אויך ניט אַוועק

צו מאַכן מיט דער האַנד. פון זיינס אַ שטיקל תורה, האָט דער עולם שטענדיק געלעקט די פינגער . . .

נו, האָט מען געמאַכט איין כוסה און פאַרביסן מיט אַ צווייטער, ביים דריטן כוס, האָב איך געזאָגט „דהינו", ווייל כ'האָב פשוט געוואָלט בלייבן ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, איך זאָל חלילה ניט פאַרשעמט בלייבן באם עס וועט קומען צו אַ שמועס אין לערנען. פלוצים איז געוואָרן אַ טומעל אין די אַנדערע חדרים און די „עקרת הבית" איז אַריינגעפאַלן מיט אַ געוואַלט, באשר די קאַץ האָט אויפגעגעסן דריי פונט פוטער. דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז אין לאָנדאָן אַ קאַץ היט מען אָפּ מער ווי להבדיל אַ קינד און ווען זי האָט געכאַפּט דעם בעזים צו דער קאַץ, איז דער בר־מצווה בחור צוגעלאָפן און זי געכאַפּט אויף די הענד און טאַקע באַלד האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ קליין שוואַרץ קעצל און עס געגלעט און געקושט, אַז ס'איז מיר שלעכט געוואָרן און די קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים. רוף איך זיך אָן: — אפשר זענט איר אומזיסט חושד דאָס קעצל? איך רעכן, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען מען זאָל דאָס קעצל איבערוועגן, וועט מען וויסן דעם אמת. דער באַלעבאָסטע איז מיין עצה געפעלן, זי האָט באַלד געבראַכט אַ וואָג, אַרויפגעלייגט די קאַץ און וואָס זאָל איך דיר זאָגן, די קאַץ האָט געוויגן דריי פונט. רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע: „אָלרייד, דאָס איז די פוטער, ווו זשע איז די קאַץ?"

נאָכן טומעל רוף איך מיך אָן צו מר. העריס: „נו, מיר וועלן רעדן פון ביזנעס. וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?: זאָגט ער: „איך וויל, אַז איר זאָלט מיין זון צוגרייטן צום בר מצווה אָבער מיטן גאַנצן קנאַק. דעם אמת געזאָגט לערנט ער שוין דעם מפטיר איבער אַכט חדשים, אָבער ווייזט אויס, אַז דער לערער איז אַ לא יצלח. ווייל מיין מייקעלע האָט אַ זעלטענעם קאָפּ. ער קען אַלע „פילם סטאַרס" ביים נאָמען. היינט זאָלט איר אים זען „פוטבאָל" שפּילן, און אויב איר וועט אים טון אַ פרעג הלכות „קריקעט" וועט ער אסור פאַרשעמט ווערן. יעדן „קריקעט"־שפּילער קען ער ביים נאָמען. איר זאָלט זען זיינע ביכער. אַלע גרעסטע „עקטאָרס" פון האָליווד ווו ס'איז באַשריבן זייער יחוס. צום סוף קומט אַזאַ לערערל און זאָגט, אַז מיין מייקעלע האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ" . . .

— נו, — זאָג איך, —אויך די אייגענע מעשה, „נעשה ספר ונחזה", מיר וועלן טון זיך אַ נעם צו דער אַרבעט. אויף ווען, פרעג איך, — ווילט איר די בר מצווה? „אויף שבת פרשה אחרי מות", ענטפערט מיר דער מר. העריס. „אחרי מות", זאָג איך, „איז ניט מעגלעך, ווייל דאָס יאָר גייט אחרי־קדושים אין איין וואָך". רופט זיך אָן דער מר. העריס: „ביי אייך מעג עס גיין, ביי מיר וועט דאָס פאָרן. אַז איך זאָג אחרי מות, וועט זיין אחרי מות. מיין טאַטע איז געוואָרן בר מצווה אחרי מות און מיין טאַטנס טאַטע אויך אין דער זעלבער וואָך. מיין טאַטע עליו השלום איז געווען אַ גרויסער לערנער, אַ קענער איינער אין דער וועלט, כאָטש ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף. איידער ער איז געשטאָרבן האָט ער מיר געזאָגט: — מיין זון, אַז דו וועסט דערלעבן דיין זונס בר מצווה, זאָלסטו מאַכן דאָס אויפרופעכץ אחרי מות און דער טעם איז אַ פשוטער, נאָך אחרי מות



גייט קאַדיישעם (קדושים) דאָס מיינט, אַז ער וועט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָגן קאַדיישעם" . . .

דערהערט דעם פשט, האָב איך באַלד דערקענט וואָס פאַר אַ למדן דער מר. העריס איז, איך האָב מיך מיט אים באַדינגען און גענומען אַ פרייז אין טאַטנס טאַטן. ס'איז געבליבן, אַז יעדן טאָג וועט מיך די קאַר פירן קיין „קריקלווד" און צוריק. זוגתי היקרה, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, כ'האָב גענומען האַקן האָלץ, כ'האָב געפילט, אַז דאָס איז ניט קיין מייקל נאָר אַ מחמיר און דאָ איז איינגאַנצן צוויי חדשים צו דער בר מצווה, וואָס טוט מען? אמת, די העלפט געלט האָט ער מיר געגעבן בשעתן שליסן דאָס געשעפט, אָבער וואָס טוט מען ווייטער? נו, האָט מיר דער רבונו של עולם צוגעשיקט אַ געדאַנק. קודם כל האָב איך געוווסט, אַז דער עולם וועט זיך נעמען זאָגן די הפטורה פון קדושים, דערפאַר האָב איך צוגעשניטן די הפטורה פון אחרי, וועלכע ער האָט שוין געהאָט געלערנט אַכט חדשים, אַזוי אַז ביז דער עולם וועט זיך כאַפּט וועט ער שוין זיין פאַרטיק מיט דער הפטורה. דער עיקר זיינען די ברכות.

נאָך זעקס וואָכן שווערער אַרבעט, האָט ער געלייענט דעם מפטיר און געדראַפּטשעט די צוגעשניטענע הפטורה, וואָס טוט מען אָבער מיט די ברכות? בין איך געפאַלן אויף אַן אמצאה. יעדעס וואָרט האָב איך אָנגערופן מיט אַ פילם סטאַר וכדומה. גאָט האָט געהאָלפן ס'איז געקומען דער שבת. מען האָט אָנגעגרייט דעם אמתן קידוש און זונטיק איז ערשט געווען די אמתע סעודה, מיט קלעזמער, טענץ, „ספּיטשעס". נאָר שבת אין שול איז געווען אַ שטיקל טומעל, דהיינו, וואָס הייסט אַ טומעל? אָט וועל איך דיר זאָגן. בשעת דער בר מצווה בחור מייקל האָט אָנגעהויבן זאָגן די הפטורה, האָט זיך דער רב מיטן חזן איבערגעקוקט און דער רב טוט מיך אַ פרעג: „ר' מנחם מענדל, וואָס פאַר אַ טעות האָט איר געמאַכט?" האָב איך אים בקיצור דערציילט די גאַנצע מעשה, אָבער דאָס אומגליק איז ערשט שפּעטער געקומען ווען מייקל האָט זיך געטון אַ צעלאָז אויף זיין דין קולכל „ברך אתה — — מלך העולם, דעני קעי, עדי קאַנטאָר, מערעלין מאָנראָ . . . ער האָט גענומען, זאָגט ער, דעם פאַלשן פאַפּיר.

פאַר היינט מאַך איך דאָס בקיצור, אם ירצה השם אין די ווייטערע בריוו וועל איך דיר אַרויס שרייבן אַלצדינג באריכות. לעת עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און הצלחה און גריס די קינדער אַלע און די שוויגער גאָר פריינטלעך.

ממני בעלך, מנחם מענדל.

עיקר שכחתי — כ'האָב נאָך ניט באַשלאָסן צו וועלכן געשעפט איך זאָל זיך נעמען. איך האָב איבערגערעדט מיט מר. דייוויס, אַז מיר זאָלן אָנהויבן עפּעס גרויס, ווייל ס'איז מיר געבליבן פון דער בר מצווה שיינע עטלעכע פונט און מר. דייוויס האָט נאָך אַלץ די 25 פונט וואָס ער וויל אַריינלייגן. נאָר איך פיל מיך ניט איינגאַנצן אין געזונט. איך רעכן היינט מאָרגן זיך אַריבער כאַפּן אין יידישן האָספּיטאַל, הערן וואָס דאָקטוירים זאָגן, דערנאָך וועלן מיר זען. אָבער דיר זאָג איך, אַז דאַרפסט דיך לגמרי ניט זאָרגן, ווייל אַזוי בין איך ברוך השם געזונט, נאָר אַביסל בין איך ניט געזונט . . . הנ"ל.

## א. נ. שטענצל

## מיין אַננאַ ליזע

איך האָב עס ליב שנעל און ברמיזא,
אַ צו לאַנגע אַנעליזע
איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק; אָבער ווי נעט,
אַ גלעט וואָס פּשוט צום האַרצן רעדט.

עט, עס וועט שוין גוט זיין ... ווי־זשע?
איך וועל פּאַקן די וואַליזע,
און זיין דיין Vales.
דאָס ביסעלע געלט פאַרן בילעט?

און ווי אַזוי קריגן די וויזע?
אין סטיל פון קעניגין לואיזע,
כ׳וועל מאַכן רעדלעך צום בעט,
און מיר וועלן פאַרפאָרן העט העט.

גאָנדלען אין אַ קאַליזשע:
וועגעדיק, דער טורעם פון פּיזע,
אַ מלאכים קוואַרטעט זינגען וועט,
סירענען־סערענאַדע פון ביזעט.

איך וועל זיין דיין „אושפּיזע“,
און דו מיין מוזע מיזע,
איי דו ביזט נישט אַזוי נעט־קאָקעט,
און איך אַן אָרעמער שד — אַ פּאָעט.

איז מילא, אַ שטיקעלע אַנאַליזע:
כ׳ווייס צו אַלץ קומט אַ קריזע,
אַ ביסל צו־פרי, אַמאָל צו שפּעט —
מען וואַרפט פאַר די פיס זיך דעם גט!

איז דערפאַר דאָס מיין דעוויזע,
צו קומען דירעקט אין Paradise:
מען איז מענטשלעך פון אַ ביז זעט.
און גאָט דער גוטער פאַרגעט און פאַרגלעט —

אַ משוגעים־הויז, אַ תפיסה
איז דאָס לעבן; די בעסטע אַנאַליזע,
נאָך אַלץ אַ קאַפּיטל תהילים, איך וועט,
און קלאַפּן זיך אין האַרצן על־חטא.



## אין שקיעה־שעה

מאַמעס דריי שטערן נישט געפונען אויף הימל,
געוועז באַגאָסן מיט „גאָט פון אברהם“ טרערן;
אין מיינע אויגן האָט עס שאַרף אַ שניט געטון,
מיט שטייפן קנייטש פון דיין שווייגנדיקן שטערן.

ווי נאָנט איך קאָן מיט מיינע הענט דערלאַנגען,
אים לאַשטשענדיק טוליענדיק גלאַט אויסצוגלעטן;
דו, עס קומען בלויז גלאַטע רייד, געביגלטע,
צומאָל פון געקליגלט ליפּן פון פּאָעטן.

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב“ — —
נישט דעם הימל — הערצער טוען ווערטער שפּאַלטן!
ווי צווישן פאַלטן פון געדיכטע נאַכט־שאָטנס,
אין הוילקייט פון אַ וואָרט זיך אויסצובאַהאַלטן.

קרישטאָל קלאָר, גלייך קרישלדיק פון סקאַלע שפּאַלטן,
אָפּגעציילטע רייד טראָפּנווייז לויטער טריפן,
אָבער אויף דנאָ ווי מאָנטנע זאַמדיק קאָן עס זיין —
אַ זומפּ צו פאַרזינקן אין תהומישע טיפן.

טויכנדיק אַז מיר געפינען שוין יאָ עפּעס,
און מיר דרילעוון און צילעוון אַ שנירל,
וואָס איז דער טיפער תוכן פון יעדער פּערל,
אַ ווייאיק פאַרשווייגן פאַרגליווערט געשווירל.

ווערטער אין שורות פּערלדיק צונויפגעשטעלט —
צעקרישלט נישט־ענטציפערטע העראָגליפן;
אין יעדן אות באַהאַלטן מיר זיך סודותדיק —
אין ראשי־תיבותדיק געהיימע צירופים.

און אין צער־צעשריבענעם צערטלעכסטן שטערן,
קוים צווישן די שורות מען קאָן אין אים ליינען;
די אותיות קרישלען אויס אין די לאַנגע נעכט,
מיט ציין־פאַרביסענעם איינגעהאַלטן וויינען —

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב“,
וואָס זיינען דען אַלע אונזערע געדאַנקען?
פאַרגליווערטע שרעק אין אייגענער פינסטערניש,
קאַלט געוואָרן שטאָל געשליפן אויפצובלאַנקען —

צי וועל איך דען קענען פּגימהלאָז אויסשלייפן,
אין דיין שטיל־שטייפן שטערן די שאַרפע קנייטשן?

אָ, מיין מאַמעס פאַרטערטע „צאינה וראינה“,
ביים רבינו בחיי אַ פסוק אויסצוטייטשן —
— — — — — — — — — — — —
מאַמעס דריי שטערן איך זע נישט מער אויף הימל,
בלויז אירע „גאָט פון אברהם“ טרערן קוים טריפן;
פון טאַטנס געזאַנג אַרויס אין שקיעה־שעה
דאָס געוויין נאָך: „הנך כלבא דכסיפין“ — — —

## דריי לידער

I

— ווען צוויי צעשראָקענע פערד אויף שקיעה־לאָנקע,
קורטשן זיך אין שרעק אויף די העלזער, וואָס טראַכטן זיי?
שטרעק איך קלוגיטשק פאַרשטעקט מיין בליק צו דיר אַרויף,
מיט ווייכלעך־צעשמייכלטן, לייכטן־צעלאַכטן ווייַ.

— ווי שטילינקע דו ליגסט אויף מיין האַלז, ווי זיכער,
אַהיימרייטנדיק מיט שטיקל מיטגעבראַכטן גליק!
גיט עס אַזאַ יונגען הירזשע טיף אין מיין האַרץ,
און צוריק איך פאַל אויף דיין האַלז מיט פאַרמאַכטן בליק.

II

דאָס געשעפּטשע שטיל אין אויער אַריין,
וויפיל מאָל שוין געווען עס איז אַ ליגן;
אפשר איז עס גאָר נאָכגעמאַכט געשווישטש,
אין פאָדעם אַריין דעם פויגל צו קריגן.

אָ, דאָס שאַלמייאיש שעלמישע געפייף,
מיט פאַרקוועטשט אייגל סירען־זיסער ניגון;
אין די אָרעמס ווי קינדער זיך צו האַלטן,
מיט אַ קוש אין טויט אַריין צו פאַרוויגן.

III

ווען מיר קוקן אין זיך מיט פאַרמאַכטן בליק,
טיף פאַרזונקן איינער איבער אַנדערן,
וויאיק־שווייגנדיק, פאַרוואָלקנט־שוועבנדיק,
וואונדערלעך ווי ווייט אַוועק מיר וואַנדערן —

מען הערט קלאַפּן דעם טראָט, אָט שטעלט ער זיך אָפּ,
וועגלאָז, באַוועגלאָז, ס׳וואַגט מבושימדיק ווייטער;
מיט לעצטע כוחות ווערט איינער פאַרן צווייטן,
שווינדלדיקער שטאַפּל אויף וואַקל פון לייטער.



## דר. יעקב י. מייטליס

# דער פאָלקס־העלד, גדעון

(פון דער סעריע „תנ״כישע געשטאַלטן“)

ב.

דער שטרייטער קעגן בעל (שופטים ו׳, כ״ה־ל״ב)

מיר האָבן דאָ, בלי ספק, צו טון מיט אַ מין צווישן־אַקט, וואָס האָט אין פלוג גאָרנישט צו טון מיט דעם אייגנטלעכן סיפור־המעשה פון גדעונס שליחות און זיין קאַמף מיט די מדיינים. דערפאַר אָבער איז דער דאָזיקער עפּיזאָד אינטערעסאַנט פאַר אונז פון אַ קולטור־ און רעליגיעז־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט. מיר ווערן דאָ אַריינגעפירט אין די אייגנאַרטיקע קולטור־פאַרהעלטענישן פון דער אַלטער צייט אין ישראל. אמת, דאָס פאָלק דינט גאָט (יהוה), אָבער גלייכצייטיק בוקט מען זיך אויך צו דעם לאָקאַלן גאָט, דעם בעל, וואָס איז דער בעל־הבית פון לאַנד, דער סימבאָל פון שפע און וועגעטאַציע. עס איז אַ רעליגיעזער סינקרעטיזם, וואָס איז על פי רוב כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן איבערגאַנגס־צייט אינם קולטור־לעבן פון פעלקער. די שבטים, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין כנען, האָבן זיך לכתחילה אָנגעשטויסן אין אַ רייכער קולטור פון דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג, וואָס האָט מיט איר פראַכט און גלאַנץ געדראָט צו פאַרשלינגען די פרישע איינוואַנדערער. ערשט נאָך אַ לאַנגען, שווערן קאַמף פון די פירער פון פאָלק, בעיקר טאַקע פון די נביאים, האָט מען אָט די השפעה פון דרויסן ביסלעכווייז גובר געווען. עס איז געווען אַ לאַנגזאַמער קאַמף, ביז דער געדאַנק פון דעם איין־איינציקן גאָט האָט אין די שפּעטערדיקע דורות פולשטענדיק געזיגט.

איז טאַקע דער גאָט בעל, דער הויפּט־גאָט אינם כנעניִשן פאַנטעאָן, געווען דער איינציקער און פאַקטישער בעל־הבית פון לאַנד כנען. מען האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס גאָט פון שטורעם און פון וועגעטאַציע. גראָד די לעצטע יאָרן האָבן אונז באַשערט אַ וויכטיקע אויפדעקונג אינם אַלטן אוגרית (צפון־סיריע) פון אַ באַרימטן עפּאָס פון דער כנענישער מיטאָלאָגיע, וואָס באַזינגט די העלדישע מעשים און די גרויסקייט פון בעל. הגם די השפעה פון בעל־קולט איז אין די שפּעטערדיקע דורות געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט אינם יידישן לעבן, באַגעגענען מיר פונדעסטוועגן אין תנ״ך אַ ריי נעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט בעל. קודם כל הייסט אונזער העלד גופא גדעון־ירובעל. אפילו שפּעטער געפינען מיר, אַז שאולס זין הייסן אשבעל און מריבעל, און אפילו דודס אַ זון האָט מען גערופן בעלידע.

אין די צייטן פון גדעונען האָבן זיך, זעט זיך אויס, אַ טייל פון די באַוווינער פונם שטעטל עפרה, צווישן זיי די אָנגעזעענע לייט, געבוקט צום בעל־גאָט. מען האָט געהאַט פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ מזבח, מן הסתם אונטער דער אשרה (געצנבוים), ווו מען האָט געגלויבט, אַז דאָרט וווינט דער בעל־גאָט. פאַר קיין גרויסער עבירה האָט דאָס יענער דור נאָך נישט געהאַלטן. מען האָט זיך

דעמאָלט, בפרט דער פויער אויף דער סאָכע, נישט שטאַרק צעבראָכן דעם קאָפּ מכוח דער ריינקייט פון די רעליגיעזע באַגריפן. פון שלום־וועגן האָט מען אויך אָנערקענט די אויטאָריטעט פונם לאָקאַלן גאָט און אים געדינט צוביסלעך. זעט זיך אויס, אַז באַלד דערנאָך, ווי דער מלאך האָט זיך געהאַט באַוויזן צו גדעונען, איז ער אויפגעשטאַנען און מיט דער הילף פון צען פון זיינע מענער צעשטערט דעם מזבח פון בעל אין עפרה, צו וועלכן זיין פאָטער יואש האָט געדינט, און די אשרה צעהאַקט. זיין געצן־שטורעם האָט גדעון אַדורכגעפירט ביינאַכט, מורא האָבנדיק פאַר זיין פאָטערס הויזגעזינט און פאַר די איבעריקע שטאָט־לייט. ווען די שטאָט־לייט האָבן אין דער פרי דערזען, אַז מען האָט זייער הייליקטום צעשטערט, איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. מען האָט נאָכגעפאָרשט און באַלד אויסגעפונען, אַז דאָס האָט אָפּגעטון גדעון, דער זון פון יואשן (ו׳, כ״ט). די שטאָט־לייט ווילן אַזאַ מין חילול־השם נישט פאַרשווייגן. זיי פאַרלאַנגען פון יואשן, אַז ער זאָל זיי איבערענטפערן זיין זון, כדי זיי זאָלן אים טויטן. עס איז אַ גאָט־שענדונג, אַ באַליידיקונג פון די טיפסטע רעליגיעזע געפילן, אויף וואָס דאָס אַלטערטום האָט געהאַט די האַרבסטע שטראָף: טויט. אַזוי האָבן אויך געהאַנדלט די אויפגעקלערטע גריכן, למשל אין פאַל פון סאָקראַטעסן. אַזוי האָט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער געטון די קאַטוילישע קירך מיט אירע אכזריותדיקע פייניקונגען און אויטאָ־דאַ־פעס.

דער קלוגער יואש אָבער זאָגט צו די דערצערנטע שטאָט־לייט פון עפרה, מיט אַ טאָן פון האַלב־חוזק און האַלב־ערנסט: וואָס ווילט איר? „האתם תריבון לבעל ווילט איר זיך קריגן פאַרן בעל?“ זאָל זיך בעל אַליין אָפּנעמען זיין קריוודע. איז ער אַ גאָט, זאָל ער אַליין שטרייטן פאַר זיך, וואָס מען האָט צעבראָכן זיין מזבח.

גדעון איז אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון טויט. פון דעמאָלט אָן, גיט דער דערציילער צו, האָט מען גדעונען גערופן: ירובעל, דער שטרייטער קעגן דעם בעל.

דער עפּיזאָד איז געוויס אַנטשטאַנען אויפן סמך פון אַן אַלטער מסורה פון יענער צייט, וואָס האָט דערציילט פונם קאַמף, וואָס מען האָט געפירט קעגן דעם בעל־קולט. אגב וויל די מעשה אויך דערקלערן דעם ווונדערלעכן נאָמען „ירובעל“, וואָס זי טייטשט אויס: „זאָל זיך בעל מיט אים קריגן“, אַ חוזק־וואָרטשפּיל, וואָס האָט זיכער אַמאָל שטאַרק אויסגענומען ביי דעם עולם־צוהערער.

### דער קאַמף מיט די מדיינים

איצט קומען מיר צו צום הויפּט־אַקט פון דער דראַמע: גדעונס קאַמף מיט די מדיינים.

עס איז געווען די צייט פון שניט. מחנות בעדואינער מיט זייערע צאָלרייכע קעמלען זענען ווידער אַמאָל אַריבער דעם ירדן פון מזרח און באַפאַלן דאָס קולטור־לאַנד. זיי האָבן געלאַגערט אין דעם רייכן, פרוכפּערדיקן עמק יזרעאל און גערויבעוועט די שוצלאָזע באַוווינער. זייער האַנט איז געלעגן שווער איבערן לאַנד. די לאַגע איז געווען נישט מער צו דערטראָגן. דעמאָלט האָט, ווי דער



פסוק דערציילט אונז אויף זיין פאָלקסטימלעכן אופן, דער גייסט פון גאָט אָנגעפילט גדעונען און ער האָט זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. ער האָט געבלאָזן מיט אַ שופר, וואָס איז געווען אין דער אַלטער צייט דער אינסטרומענט פון אַלאַרם אין צייטן פון מלחמה, און צו אים האָבן זיך געשטעלט די מענטשן פון אביעזר. דערווייל זענען עס געווען די אייגענע מענטשן. בכן, דער סיגנאַל צו מלחמה איז געוואָרן געגעבן. וואָס דער אמת איז, גדעון האָט קיין פולמאַכטן מלחמה צו פירן נישט געהאַט, זיין שבט האָט אים דערצו נישט באַשטימט. די ביטערע נויט פון פאָלק און זיינע שווערעליידן האָבן אים דערצו געשטויסן צו גיין אין מלחמה און נקמה צו נעמען אינם בלוטיקן שונא.

באַלד האָט ער אַרויסגעשיקט שליחים מיט דעם מלחמה־רוף אין אַלע עקן פון לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז קודם כל צו זיין אייגענעם שבט מנשה און דערנאָך צו די אַרומיקע שבטים אשר, זבולון און נפתלי, וואָס האָבן געוווינט אין צפון. זיי אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט צום קאַמף.

די צאָל קריגער, וואָס האָט זיך געשטעלט צום קאַמף אונטער גדעונס פאָן, איז לכתחילה נישט געווען זער גרויס. פּאַרטיזאַנער קענען אָבער נישט אָפּערירן אין גרויסע מחנות. זיי מוזן קעמפן אין קליינע גרופּעס און זיין שנעל־באַוועגלעך. נישט אין קיין אָפענער שלאַכט האָט גדעון גערעכנט האָפן צו באַזיגן די פלינקע און מן הסתם גוט־באַוואָפנטע חיילות פון די מדיינים. דערצו האָט ער נישט געהאַט די פאַסיקע זעלנער און נישט די כלי־זיין. זיין טאַקטיק האָט דערפאַר געמוזט זיין אַן אַנדערע, אַ פּאַרטיזאַנישע: אַ פּלוצימדיקער איבערפאַל, אַ טויט־קלאַפּ, וואָס קומט אומדערוואַרט פון דער זייט, אַז דער שונא זאָל זיך דערויף גאָרנישט ריכטן. דערצו אָבער האָט ער געמוזט מאַכן אַן אָפּקלייב פון זיינע קריגער, האָבן מיט זיך אַ קליינע צאָל, אָבער פון די סאַמע מוטיקסטע און דרייסטע פון זיינע מענטשן. מיר וועלן באַלד זען, ווי אַזוי ער האָט דורכגעפירט די דאָזיקע סעלעקציע.

גדעון האָט געהאַט אַקצעפּטירט די געטלעכע שליחות צום קאַמף קעגן די מדיינים. פונדעסטוועגן איז ער ביי זיך נאָך נישט געווען אין גאַנצן זיכער. איידער ער האָט געצויגן אין קאַמף אַריין, בעט ער נאָך אַ צייכן ביי גאָט. אַזוי איז געווען דער סדר ביים מענטשן אין דער אַנטיקער צייט. ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ צייכן, אין אַן אָראַקל פון די געטער, איידער ער איז אַוועק אין מלחמה אַריין. בעט גדעון אַ צייכן ביי גאָט מיט דער אָפּשער פון דער וואָל. ער וויל גאָר זיין זיכער, אַז גאָט איז מיט אים. דערפילט גאָט זיין בקשה, האָבן זיך אָפּגעטון אַלע ספקות פון זיין האַרץ. ער איז דעמאָלט געוואָרן פעסט ביי זיך אַנטשלאָסן, זיין האַרץ שטאָל־אייזן, גרייט צו פירן זיין חייל אין קאַמף אַריין ביז צום פולשטענדיקן נצחון.

הערן מיר פון תנ״ך, אַז גדעון מיט זיין חייל האָבן געלאַגערט ביים קוואַל פון עין־חרוד, אויפן רוקן פון גלבוע, און די מדיינים אין זייערע געצעלטן אינם טאָל, אין צפון פון גבעת המורה. לויט ווי דער פסוק דערציילט אונז, האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַרום גדעונען צוויי און דרייסיק טויזנט מאַן, אַ צו גרויסע

מחנה פאַר זיינע סטראַטעגישע פּלענער. באַלד האָט ער גענומען דורכפירן די סעלעקציע פון זיינע קעמפער. קודם כל האָט ער אַהיים געשיקט אַלע די, וואָס האָבן מורא געהאַט און געפילט אַ ציטער אין זייער האַרץ. אַזוי האָט שוין פאַרלאַנגט דאָס אַלטע מיליטער־דינסט געזעץ (דברים כ׳, ח׳). אין דער אַנטיקער צייט האָט מען געגלויבט, אַז פּחדנות איז אַ מין דיבוק, וואָס זיצט אין אַ מענטש און שטעקט אויך אָן אַנדערע. פון די פאַרבליבענע, וואָס זייער צאָל איז אַלץ נאָך געווען צו גרויס פאַר זיינע טאַקטישע פּלענער, האָט גדעון געמאַכט אַן אייגנאַרטיקן אָפּקלייב. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט ביי דעם קוואַל פון חרוד און געהייסן טרינקען. דאָס האָט ער געשטעלט זיינע מענטשן פאַר אַ פּראָבע פון פאָרזיכטיקייט און קוראַזש. ווי וועלן זיי טרינקען אין אַ צייט פון סכנה? דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קני און געטרונקען. דריי הונדערט זענען עס אָבער געווען, דערציילט אונז דער פּסוק, וואָס האָבן געלעקט דאָס וואַסער מיט דער צונג, אַזוי ווי עס לעקט אַ הונט. זיי האָט גדעון אויסגעקליבן צו גיין מיט אים אין מלחמה אַריין קעגן די מדיינים.

אין דעם אופן, ווי אַזוי זיינע מענטשן האָבן געטרונקען וואַסער פונם קוואַל, האָט גדעון דערקענט די נויטיקע קריגערישע קוואַליפיקאַציעס פון זיינע קעמפער. עס האָט זיך אין דעם אויסגעדריקט אומדערשראָקענע, דרייסטע האַנדלונג, וואָס איז אַזוי וויכטיק אין אַ צייט פון סכנה. ווייסן למשל עטנאָלאָגן אונז צו דערציילן פון אַ ריי פּרימיטיווע קריגערישע שבטים, וואָס טרינקען נאָך עד היום וואַסער אויף דער פריי אויף אַזאַ אופן. עס איז אַ פאָרטל זיך אויסצוהיטן פון אַ זייטיקן אָנפאַל פון אַ שונא. ליגט מען אויסגעצויגן אָדער מען קניט בשעתן טרינקען, קען איינעם דער באַהאַלטענער שונא אָנפאַלן פון הינטן. גדעון האָט זיך, בכן, אָפּגעקליבן אַ קליינע אָבער העלדישע מחנה קעמפער, וואָס איז געווען גרייט אויף אַלץ. אין תוך גענומען, ליגט אין אָט דעם עפּיזאָד אַ טיפער רעליגיעזער מוסר־השכל: עס איז נישט די צאָל פון די קעמפער, נאָר די הילף פון גאָט, וואָס ברענגט דעם נצחון אין קאַמף. די דריי הונדערט מענטשן האָט גדעון אַרום זיך פאַרזאַמלט בעת די מדיינים האָבן געלאַגערט אונטן אינם טאָל.

נאָך אין דער זעלביקער נאַכט גרייט זיך גדעון אָנצופאַלן אויף די מדיינים. איידער ער פירט אָבער אויס זיין דרייסטן איבערפאַל, גייט ער מיט זיין נושא־כלים פורה אַראָפּ אויסשפּיאָנירן דעם לאַגער פון שונא. אַזוי האָט מען אָפט געטון אין דער אַלטער צייט. אַזוי האָט אויך יונתן, דער זון פון שאולן, געטון (שמואל א׳, י״ד). עס איז נאַכט. „די מדיינים מיט עמלק און די קינדער פון מזרח זענען געלעגן אין טאָל, אַזוי ווי די היישעריקן אין פילקייט, און צו זייערע קעמלען איז נישטאָ געווען קיין צאָל״, לייענען מיר אין קאַפּיטל ז׳, י״ב. די שפּאַנונג פון די צוהערער איז געוואַקסן, די שטימונג איז אַן אָנגעשטרענגטע. מיר קענען זי כמעט אָנטאַפּן מיט די הענט. מיר פילן די שטילקייט פון דער נאַכט, בעת עס רוקט זיך אָן די שעה פון אַנטשיידונג. עס איז טיפע נאַכט אַרום. אויף די געלעגערס אין די געצעלטן און אויפן פעלד איז געלעגן די מענטשלעכע מחנה פון די ווילדע מדבר־זין. גדעון האָט זיך שטילערהייט דערנענטערט צו



זייער לאַגער. צוקומענדיק, הערט ער ווי איינער דערציילט דעם אַנדערן אַ ווונדערלעכן חלום. אין דער אַלטער צייט האָט אַ חלום געהאַט אַ באַטייט. אין חלום, האָט מען געגלויבט, איז גאָט אָפט מגלה דעם מענטש זיין ווילן, לאָזט ער אים זען זיין צוקונפט. גדעון הערט זיך איין מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צו דעם, וואָס יענער דערציילט. איך האָב געהאַט אַ חלום, דערציילט דער איינער, און געזן ווי אַ ברייטל גרשטן־ברויט קייקלט זיך צום לאַגער פון מדין. עס קומט צו ביזן געצעלט, גיט אים אַ קלאַפּ, אַזוי אַז דאָס געצעלט פאַלט אום און קערט זיך איבער קאַפּויער. אויף דעם האָט דער אַנדערער מדין־מענטש געענטפערט מיט אַ ציטער אין זיין שטים: עס איז נישט אַנדערש, ווי דאָס מיינט אַז די שווערד פון גדעון, דער זון פון יואש... אין זיין האַנט האָט גאָט געגעבן מדין מיט זיין גאַנצן חייל. עס איז אַ חלום מיט אַ סימבאָל. פאַר דעם צוהערער אין אַלטן ישראל איז זיין באַטייט געווען קלאָר. דער מדין־נאָמאַד חלומט פון דעם גערשטענעם ברייטל, וואָס קייקלט זיך צו אים אין געצעלט אַריין פון דעם איינגעזעסענעם פּויערס הויז. עס איז אָבער ווי יענע מעשה מיט די טרויבן און דעם פוקס, זיי זענען געווען פאַר אים צו זויער... דאָס ברייטל האָט זיי נישט געזעטיקט, אדרבא, עס האָט זיי פאַרטיליקט.

אַ צופרידענער און אַ באַרואיקטער איז גדעון צוריקגעקומען צו זיינע לייט. דער חלום איז פאַר אים געווען אַ גוטער סימן, אַז גאָט וועט איבערענטפערן די מדיינים אין זיינע הענט אַריין. ביים אָנהויב פון דער מיטעלער נאַכטוואַך, מען האָט אָקאָרשט געהאַט אויפגעשטעלט די וואַכן, איז גדעון אָנגעפאַלן אויפן שונאס לאַגער. זיין סטראַטעגיע איז געווען אַ פאַרטיזאַנישע: אַן אומגעריכטער פלינקער אָנפאַל, אַריינטראָגנדיק אַ מהומה און אַ בהלה אין זיינע רייען. עס האָט געהייסן דעם שונא פולשטענדיק צו דעזאָרגאַניזירן, אים צו געבן אַ שווערן קלאַפּ און אים נישט לאָזן קיין צייט צו זיך צו קומען.

גדעון האָט צעטיילט זיין קליינעם חייל אין דריי גרופּעס, אויספירנדיק זיין אָנפאַל פון פראָנט און פון די פלאַנקן, — אַ קלוגער מלחמה מאַנעווער, וואָס האָט אים פאַרזיכערט אַ גלאַנציקן נצחון. גדעון האָט געגעבן אין די הענט פון זיינע דריי הונדערט מענטשן ערדענע קרוגן, אין וועלכע עס זענען געווען פאַרבאָרגן ברענענדיקע פאַקלען. אויפן סיגנאַל פון שופר, וואָס ער האָט געבלאָזן, האָבן זיי אַלע ווי איין מאַן צעהאַקט די קרוגן, אַזוי אַז די באַהאַלטענע בראַנדהעלצער האָבן פלוצים אויפגעלייכט אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט ווי אַ העליש פייער. דער גאַנצער לאַגער פון די מדיינים האָט אויסגעזען, ווי אַרומגענומען פון אַ פייערדיקן פאַס. אויף גדעונס אויסגעשריי: „אַ שווערד פאַר גאָט און פאַר גדעונען!״ האָבן זיך זיינע קריגער געוואָרפן פון אַלע זייטן אויף דעם צעטומלטן שונא.

די מהומה אינם לאַגער פון די מדיינים איז געווען גרויס. נישט וויסנדיק ווער עס איז ווער, האָט איינער געצויגן זיין שווערד קעגן דעם אַנדערן. אין גרויס בהלה, אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט, זענען די מדיינים אַנטלאָפן אויפן וועג קיין דרום, וועלנדיק וואָס גיכער צוקומען צו דעם אַריבערגאַנג פון

ירדן און פון דאָרט אַנטקומען אין מדבר אַריין.
גדעון גיט דעם אַנטלויפנדיקן שונא נישט קיין רו. בעת ער מיט זיינע
מענטשן יאָגן אים נאָך, שיקט ער שליחים צו די בני־אפרים, וואָס וווינען צו
דרום פון מנשה, אַז זיי זאָלן אים העלפן מיט דער פאַרפאָלגונג פונם שונא.
דעמאָלט ערשט זענען די בני־אפרים אַרויס קעגן די אַנטלויפנדיקע מדיינים, זיי
אָפּגעשניטן דעם וועג און געפאַנגען די צוויי פירשטן, עורב און זאב (נעמען,
וואָס באַטייטן: קראָ און וואָלף), וועלכע זיי האָבן אויפן אָרט דערהרגעט. עס
איז געווען אַ בלוטיקע נקמה. דער נצחון אַ פולשטענדיקער.

איז דאָס געווען אַ קלוגער, דיפּלאָמאַטישער זשעסט לגבי די יחסנדיקע און
וואָגיקע בני־אפרים, וואָס גדעון האָט זיי געלאָזט האָבן אָן אַ סך מי און מאַטער־
ריש אַזאַ פּראָמינענטן חלק אינם אַנטגילטיקן זיג? האָבן זיי דאָך צום סוף נישט
נאָר געהאָלפן אין קאַמף, נאָר נאָך געקרוינט דעם נצחון מיטן פאַנגען פון די
צוויי מדיינים־פּרינצן עורב און זאב און זיי דערהרגעט! דוכט זיך, אַז גדעון
האָט געהאַנדלט נישט ווי עפּעס אַ קליינער פירער פון אַ שבט, נאָר ווי אַ קלו־
גער, רייפער מלוכה־מאַן. פונדעסטוועגן זענען די בני־אפרים פאָרט נישט גע־
ווען צופרידן און געהאַט תרעומות. זיי האָבן זיך מתקנא געווען אין גדעונען און
אין זיין נצחון, און געהאַט צו אים טענות: הלמאי האָט ער זיי נישט פריער
גערופן צום קאַמף? פאַרוואָס האָט ער פון אָנהויב גענומען אַליין קעמפן און
זיי ערשט געלאָזט וויסן ביים סאַמע סוף, שוין נאָך דער אַנטשיידנדיקער
שלאַכט? זיי האָבן זיך מיט אים גאָר ערנסט געקריגט.

גדעון, דער אומבאַקאַנטער פון נעכטן און דער זיגער פון היינט, בלייבט זיי
אָבער נישט שולדיק קיין ענטפער. דער פויער פון עפרה אין מנשה האָט הומאָר,
ער איז נישט קיין נאַר. ער וויל זיך מיט די בני־אפרים נישט איינרייסן. צו וואָס
טויג אים דאָס! ענטפערט ער זיי, האַלב מיט ליצנות און האַלב אין ערנסט:
וואָס ווילט איר? פאַרוואָס זענט איר דאָס אַזוי אומצופרידן? „איז דער נאָכקלייב
(עוללות) פון אפרים נישט בעסער ווי די לעז (בציר) פון אביעזר?" ווער איז
דען אביעזר אין פאַרגלייך מיט די מעכטיקע בני־אפרים! עס איז אַ קלוג ווערטל,
וואָס האָט אפשר געהאַט גאָר אַ טאָפּלטן זין, און וואָס שפּעטערדיקע דורות
האָבן מן הסתם איבערגעחזרט מיט אַ סך הנאה. אָט האָט איר דאָך די קרוין פון
נצחון, די סאַמע קעפּ פון די צוויי פירשטן. מיר אָבער, די בידנע מענער פון
אביעזר, האָבן געהאַט דאָס שווערע שטיקל אַרבעט פון דעם ביטערן קאַמף.
יעדער איינער און זיין מזל! אפשר טאַקע למען השלום מאַכט ער זיך קלענער
ווי ער איז. די קנאה פון די שבטים איז נישט געווען קיין זעלטענע. ענלעכע
שטימונגען און טענות הערן מיר אויך אין שופטים י"ב, א'.

אייגנטלעך וואָלט מען באַדאַרפט דערוואַרטן, אַז מיט אָט דעם לעצטן עפּי־
זאָד האָט זיך די מלחמה געהאַט פאַרענדיקט. די דערציילונג איז ביז אַהער אַ
גאַנצע און אַן אָפּגעשלאָסענע. די מדיינים זענען געוואָרן באַזיגט, זייערע צוויי
פירשטן דערהרגעט און דער רעשט פון זייער חייל פאַרטריבן פון לאַנד. דער
תנ"כישער דערציילער איז אָבער ממשיך זיין געשיכטע פון קאַמף קעגן די



מדיינים. אפשר וויל ער אונז דערמיט לאָזן הערן, אַז גדעון איז נאָך נישט געווען
צופרידן מיט דעם אָט אָפּגעהאַלטענעם נצחון, וואָס ער באַטראַכט אַלס אַ נישט־
פולשטענדיקן. ער וויל נאָך דעם לעצטן רעשט פון די מדיינים פאַרטיליקן און
דערפאַר יאָגט ער זיי נאָך ביז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט פון ירדן. אפשר
האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַן אַנדערער מסורה, וואָס דער תנ"כישער דערציילער
האָט געהאַט און וואָס ער האָט קונציק אַריינגעוועבט אין דעם סיפור־המעשה
פון גדעונען? אפשר איז דאָס געווען אַ ליטעראַריש־זעלבסשטענדיקע דערציי־
לונג, מיט אַן אַנדערן אָנהויב, ווו די צוויי הויפּט־העלדן זענען גאָר געווען צוויי
אַנדערע פירשטן מיטן נאָמען פון זבח און צלמונע? האָט אפשר אָט די דערציי־
לונג אַמאָל עקזיסטירט אָפּגעזונדערט און פאַראַלעל מיט דער ערשטער פון עורב
און זאב, און איז ערשט שפּעטער געוואָרן פאַרבונדן מיטן הויפּט סיפור־המעשה,
אַזוי ווי מיר געפינען אים היינט אין שופטים קאַפּיטל ח'?

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, קאַפּיטל ח' דערציילט אונז באריכות, ווי
גדעון מיט זיינע מענער האָבן נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע מדיינים מיט זייערע
פירשטן זבח און צלמונע, וואָס זענען אינצווישן געהאַט אַריבער דעם ירדן אויף
מזרח־זייט. קיין פערד און רייטוועגן האָבן יידן דעמאָלט נאָך נישט געהאַט. די
קללה פון דער ציוויליזאַציע איז נאָך לעת־עתה געווען אומבאַקאַנט. דאָס מילי־
טער גייט צופוס. אויך דער אַנטלויפנדיקער שונא קען זיך נישט לייכט באַוועגן
אויף זיינע שווער־באַלאָדענע קעמלען און אַנטרינען. יאָגט מען נאָך דעם שונא
אַ גאַנצע נאַכט און אין דער פרי קומט גדעון מיט זיין חייל אָן צום ירדן מיד און
מאַט פון אַ לאַנגען וועג, הונגעריקע און אויסגעשעפּטע פון קאַמף. בעט ער ביי
די איינוווינער פון דעם שטעטל סוכות און שפּעטער פון פנואל, וואָס ליגט אויפן
טייכל יבוק, אַ ביסל פּראָוויאַנט, אַ צאָל לאַבנס ברויט פאַר זיך און זיינע אויס־
געמאַטערטע מענטשן. לאַכן אים די שטאָט־עלטסטע אויס. וואָס, פרעגן זיי אים
מיט אַ טאָן פון חוזק, ביזטו שוין אַזוי זיכער אין דיין נצחון? האָסטו שוין אין
דיינע הענט זבח און צלמונע, אַז מיר זאָלן דיר און דיין חייל געבן ברויט?

אין גדעונען פלאַמט אויף דער צאָרן. ער וועט זיי אָט די באַליידיקונג נישט
מוחל זיין. ער טוט אַ שבועה, זיך נוקם צו זיין אין די אָפּשפּעטער פון סוכות און
פנואל, ווען ער וועט בשלום צוריקקומען פון דער מלחמה. דערווייל מאַרשירט
ער ווייטער קיין דרום־מזרח. די מדיינים האָבן אינצווישן אָנגעשפּאַרט אויף דעם
בעדואינער־טראַקט, וואָס איז געלעגן צו מזרח פון יגבהה און נובח. עס איז
אפשר דער זעלביקער טראַקט, וואָס עס באַנוצן נאָך היינט די אַראַבישע עולי־
רגל פון דמשק קיין מעקקאַ. ווידער אַמאָל האָט זיך גדעון באַנוצט מיט זיין
טאַקטיק פון סורפּריז. ביי קרקר, ווו די מדיינים האָבן נאָך אַ לאַנגען, שווערן
מאַרש אומבאַזאָרגט געלאַגערט, איז ער אויף זיי אומדערוואַרט אָנגעפאַלן און
צעקלאַפּט זייער חייל. ער האָט געפאַנגען די צוויי פירשטן זבח און צלמונע און
די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן אין גרויסער אימה.

מיט אָט דער רייכער טראָפּעע אין זיינע הענט, קומט דער טריומפירנדיקער
גדעון צוריק אין שטעטל סוכות. ער פאַרזאַמלט זיבן און זיבעציק פון די שטאָט־

עלטסטע און זאָגט צו זיי: האָט איר נישט געשפּעט פון מיר, זאָגנדיק, האָסטו שוין זבח און צלמונע אין דיינע הענט? אָט זענען זיי אין מיינע הענט! עס איז מלחמה־צייט. גדעון איז אַ קריגער און נישט קיין מאָראַליסט. האַנדלט ער טאַקע מיט אַנטשלאָסנקייט און שטרענגקייט. ער באַשטראָפט שווער די עלטסטע פון סוכות, דרעשנדיק זייערע לייבער מיט מדבר־דערנער און שטעכיקע ריטער, וואָס אַחוץ דער האַרבער שטראָף איז דאָס אויך געווען אַ טיפע באַליידיקונג. נאָך אכזריותדיקער איז ער געווען לגבי די איינוווינער פון פנואל. ער צעשטערט זייער פעסטונג און הרגעט אויס די מענטשן.

האָבנדיק פאַרענדיקט אָט די שטראָף־עקספּעדיציע, נעמט זיך גדעון משפּטן די צוויי געפאַנגענע מדבר־פירשטן. עס זעט זיך אויס, אַז ער האָט מיט זיי געהאַט אַלטע חשבונות. האָבן זיי אַמאָל, מן הסתם בעת אַן איבערפאַל אויף מנשה׳ אויסגעקוילעט אַלע זיינע ברידער. פאַרלאַנגט דער אַלטער מנהג נקמה צו נעמען פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, וואָס שרייט צום הימעל. ער איז דער גואל הדם. וויל ער אָבער וויסן קודם כל, צי אָט די צוויי פירשטן זענען דאָס געווען די אמתע מערדער. ער וויל דאָך נישט פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. פרעגט ער זיי (ח׳, י״ח), ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די מענטשן, וואָס איר האָט דערהרגעט אין תבור? ענטפערן זיי אים מיט אַ געוויסן שטאָלץ: „אַזוי ווי דו, אַזוי זיי, איין אויסזען. אַזוי ווי די געשטאַלט פון קיניגלעכע קינדער!“ בכן, זענען דאָס געווען זיינע ברידער, זיי האָבן אויסגעזען ווי ער. ביי גדעונען איז שוין קיין ספק נישט מער, ווער עס זענען די אמתע רוצחים. די געפאַנגענע פירשטן וויסן אויך, וואָס פאַר אַ תשובה ער דערוואַרט פון זיי. זיי לייקענען נישט זייער רוצחישע טאַט, זיי פרובן זיך אַפילו נישט צו פאַרענטפערן. אדרבא, די מדבר־זין רימען זיך נאָך: עס זענען געווען קיניגלעכע פנימער, פונקט אַזוי ווי דו!

יעצט ווייסט שוין גדעון אויף זיכער, ווער עס האָט אויסגעהרגעט זיינע אייגענע ברידער, די אחי, בני אמי. ניין, שווערט ער ביי גאָט, ער וואָלט די געפאַנגענע געשוינט אויב נישט זייער שענדלעכער מאָרד. ליגט דאָך אויף אים דער חוב פון דער בלוטיקער נקמה. זאָגט ער צו זיין עלטסטן זון, יתר: „שטיי אויף און טויט זיי!“ אַזוי איז געווען דער מנהג אין דער אַלטער צייט. איינער פון דער סוויטע פונעם פירשט אָדער פון קעניג האָט מיט זיינע הענט באַדאַרפט אויספירן דעם בלוטיקן משפּט. אָבער יתר איז נאָך יונג, ער איז נאָך אומדערפאַרן און האָט נאָך ביז יעצט מן הסתם קיינעמען נישט געטויט. ציטערט ביי אים שטיל דאָס האַרץ, איז ער נישט בכוח אַרויסצוציען די שווערד פון איר שייד. זען דאָס די געפאַנגענע, בעטן זיי זיך ביי גדעונען: שטיי דו אויף און דערשלאָג אונדז, וואָרום דו ביזט צו אונדז גלייך אין עלטער און גבורה. דעמאָלט ערשט איז גדעון אויפגעשטאַנען און אויסגעפירט דעם טויט־משפּט. עס איז אַ לעבעדיק, אַ צאַפּלדיק בילד פון אַ טראַגישן נקמה־אַקט, דערציילט אַזוי צניעותדיק און מיט אַ סך קינסטלערישער איינגעהאַלטנקייט.

האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַן עכטע, געטרייע היסטאָרישע דערציילונג מיט דעם גאַנצן קאָלאָריט פון יענער צייט. עס זענען געווען די גבורות פון גדעונען,



דעם זון פון יואשן, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס געמיט פון זיינע בני־דור. אַפילו נאָך אין די שפּעטערדיקע דורות האָט עס נאָך אָפּגעהילכט מיט דעם „יום מדין“ (אַזוי למשל ישעיה ט׳, ג׳ און י׳, כ״ו), אַלס אַ טאָג פון נקמה און נצחון. עס איז געווען אַ שטאָלצער נצחון, און ווי אַזוי אָפט אין דער געשיכטע, פון ווייניקע אַקעגן פילצאָליקע, אַ נצחון פון אַ בינטל אומאָפּהענגיקע שבטים, וואָס האָבן געקעמפט מיט עקשנות און מסירת־נפש פאַר זייער כבוד און פרייהייט.

## די קיניגלעכע קרוין

מיר קומען יעצט צום דריטן, צום לעצטן אַקט פון דער גדעון־דראַמע. פונקט אַזוי ווי אינעם פאָלק־מעשהלע, קומט אויך דאָ די גיכע באַלוינונג פאַר דער מוטיקער טאַט. דער אומבאַקאַנטער העלד, דער שוואַכער און אומבאַטייטיקער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַ ריי שווערע נסיונות און פאַרבליבן שטאַנדהאַפטיק, ווערט צום סוף באַלוינט מיט עשירות, מיט אַ בת־מלכה אָדער גאָר מיט אַ קיניגרייך. אַזוי איז אויך געשען מיט גדעונען. די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּלעטן נצחון. די מדיינים האָבן באַקומען אַ שווערן טויט־קלאַפּ, אַז זיי האָבן מן הסתם אַזוי גיך נישט געקענט קומען צו זיך. דאָס לאַנד איז געוואָרן באַפרייט. דער יידישער פויער האָט ווידער געקענט פריי אָפּאָטעמען. ער האָט געקענט יעצט זיצן רויק אויף זיין באָדן, זייען און שניידן די תבואה און עסן צו דער זעט. אַלס אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט קומען יעצט די שבטים צו גדעונען און ווילן אים קרוינען פאַר אַ מלך. זיי ווילן האָבן אַ מלך, וואָס זאָל איבער זיי קיניגן און זיי באַשיצן. גדעון איז שטאַרק, ער האָט מוט און איז קלוג. ער האָט באַוויזן צו פאַראייניקן די שבטים אינעם קאַמף פאַר באַפרייאונג. ווער איז נאָך אַזוי ווי ער יעצט ראוי צו טראָגן די קרוין פון אַ קיניג אין ישראל?

גדעון איז אָבער אַן אמתער פאָלק־מענטש. ער איז פּשוט און באַשיידן. ער וויל נישט קיין כבוד, ער זוכט נישט קיין הערשאַפט און וויל נישט געוועלטיקן. אין ווייניקע שורות מאָלט אונדז דער דערציילער אַ פּרעכטיק בילד פון אַן אַמאָליקן פאָלק־העלד: ער איז יאָדערדיק, ערלעך, פּראָסט און תמימותדיק, אַ בעל־כוח און אַ מוטיקער קעמפער, אָבער וואָס איז נישט גדלותדיק און שטרעבט נישט צו קיין מאַכט. ער האָט זיך געשטעלט נאָך לאַנגע וואַקלענישן בראש פון די שבטים, בעת די נויט איז געווען גרויס, ווען מען האָט געמוזט קעמפן און באַשיצן די פרייהייט פון פאָלק. די קיניגלעכע קרוין האָט ער אָבער נישט געוואָלט אָננעמען. אינעם גייסט פון די שפּעטערדיקע נביאים, זאָגט ער צו די פאַרזאַמלטע עלטסטע פון פאָלק: „נישט איך וועל געוועלטיקן איבער אייך און נישט מיין זון. גאָט אַליין וועט איבער אייך הערשן“. עס איז, בכן, נישט די ממשלה פון מענטש, נאָר די הערשאַפט פון גאָט איבער ישראל, וואָס אַנטשיידט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ שפּעטערדיקער געדאַנקן־קאָנסטרוקציע, מיט אַ פּראָיעקציע אין די עלטסטע צייטן פון דעם דערהויבענעם אידעאַל פון גאָטס הערשאַפט איבער זיין פאָלק ישראל? עס איז אָבער גרייליך געמאָלט, אויב

מיר פאַרשטיין ריכטיק דעם אָנהויב פון דער אבימלך־געשיכטע מיט אירע דינאַסטישע קאַמפן (שופטים ט׳, כ׳), אַז גדעון האָט יאָ אַ געוויסע צייט געוועלטיקט איבער מנשה, הגם ער איז נישט געווען קיין קיניג איבער ישראל. לויט דער יידישער טראַדיציע איז ער געווען איינער פון די שופטים, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געמשפט זייער פאָלק. ווי עס זעט זיך אויס, איז זיין וווינזיץ געווען אין דער פאָטער־שטאָט עפרה, ווו ער האָט געהאַט אַ הארעם מיט אַ סך פרויען און קעבסווייבער. פון זיי זענען אים געבוירן געוואָרן זיבעציק זין און צווישן זיי, דער טרויעריק־באַרימטער אבימלך. אפשר האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ באַשיידענעם אָנהויב פון אַ קיניגלעכער הערשאַפט, וואָס האָט זיך ערשט באַפעסטיקט אונטער שאולן און דודן.

### דער גילדענער אפוד

דאָס איז דער עפּילאָג פון דער גדעון־דראַמע (ח׳ כ״ד־ל״ב).

פונעם מלחמה־רויב האָט דאָס פאָלק געהאַט אָנגעקליבן אַ סך גאָלד און טייערע חפצים. פון די מדיינים האָט מען צוגענומען כל המיני אויערינגען און נאָזרינגען, גילדענע קייטעלעך און לבנהלעך, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די העלזער פון די קעמלען. אַזעלכע לבנהלעך (שהרונים), באַשרייבט אונדז ישעיה (ג׳, י״ח), האָבן אין זיין צייט געטראָגן די אַריסטאָקראַטישע פרויען פון ירושלים. איז דאָס מן הסתם דעמאָלט געווען דאָס לעצטע אין דער מאָדע.

יעצט האָט זיך דאָס גאַנצע קריג־פאָלק צוזאַמען מיט זיינע עלטסטע פאַרזאַמעלט אַרום גדעונען. אויף זיין בקשה ווערט אין מיטן פון לאַגער אַ מאַנטל אויסגעשפּרייט און דאָס פאַרזאַמעלטע פאָלק וואַרפט אַריין איטלעכער אַ נאָזרינג. פון דעם אָנגעקליבענעם גאָלד מאַכט גדעון אַן אפוד, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אינם הייליקטום אין עפרה. וואָס אַזוינס דער דאָזיקער אפוד איז געווען, ווייסן מיר היינט אַקוראַט נישט מער. אַ ריי פאָרשער און צווישן זיי געוויסע מיטלאַלטערלעכע יידישע פרשנים מיינען, אַז אַן אפוד איז געווען אַ מין שאַרץ אָדער מלבוש, ווו עס האָבן זיך געפונען די אראקלען, די אורים און תומים. אונדזער שטעל דאָ איז גיכער אויסן צו באַשרייבן אַ בילד אָדער אַ סטאַטוע. אפשר האָט גדעון טאַקע געמאַכט אַ גילדענע סטאַטוע, אַ מין סימבאָל פון גאָט, וועמען עס האָט געהערט, לויטן אַלטן געזעץ, דער רויב פון דער מלחמה.

גדעון איז געווען אַ קינד פון זיין צייט. ער האָט געדינט דעם גאָט פון זיינע עלטערן אָן וועלכן עס איז אָפּנויג. נאָך דעם נצחון איבער די מדיינים וויל ער אויך עפּעס טאָן פאַר זיין, דעם פערזענלעכן גאָט. ער ווייס נישט פון קיין שום קונצן. צו וואָס טויג אים, דעם פויער פון עפרה, דעם איינגעזעסענעם צווישן זיין פאָלק, שטיקער גאָלד? איז פאַראַן אין עפרה אַ הייליקטום פאַר גאָט, שטעלט ער דאָרט אַריין דעם גילדענעם אפור, אַ סטאַטוע, וואָס זאָל זיין אַ דאַנקאויסדרוק פון אים צו גאָט פאַר די גרויסע חסדים, וואָס ער האָט אים באַוויזן. אָבער דער דאַזיקער אפור איז נישט געווען צום האַרצן פון די שפּעטערדיקע דורות. מען האָט, בכן, גדעונען געגעבן אַ „שלעכטע“ צענזור. דער רעדאַקטאָר



פון שופטים ח׳ מאַכט טאַקע דעם אויספיר, אַז גאַנץ ישראל איז געוואָרן פאַרפירט פון אָט דעם פרעמדן דינסט, וואָס איז געווען אַ שטרויכלונג פאַר גדעונען און זיין הויז.

די שפּעטערדיקע צייט, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער געוואַלטיקער השפעה פון די גרויסע נביאים און זייער געלייטערטער גאָט־קאָנצעפּציע, האָט אינעם אפור געזען אַן אָפּנויג פונעם דרך הישר, פון דעם וועג, וואָס גאָט האָט געבאָטן. זי האָט דערפאַר דעם העלדישן באַפרייער פונעם יאָך פון מדין שאַרף קריטיקירט. פאַר דעם ריכטער־שטול פון דער געשיכטע זענען נישט פאַראַן קיין מיוחסים. יעדער איינער קען געמשפּט ווערן לויט זיינע אייגענע מעשים. גדעונס געשיכטע ענדיקט זיך אין אַ דיסהאַרמאָניע. די באַגייסטערונג פאַר זיינע מעשים און גבורות ווערן צוביסלעך אָפּגעשוואַכט. די דראַמע ענדיקט זיך אין אַ מין אַנטיקלימאַקס. די געשיכטע שליסט אָפּ מיט אַן ערנסטן מוסר־טאָן: גדעון־ירובעל, דער העלד און קריגער קעגן בעל, איז געווען זינדיק פאַר גאָט. אַן אַנדערער דור, אַן אַנדערער אויסקוק!

## יהודית (סוף)

### טז

און יהודית האָט אָנגעהויבן דאָס דאָזיקע לויב־געזאַנג אין גאַנץ ישראל, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזונגען מיט אַ הויך קול אָט דאָס ליד פון לויב. און יהודית האָט געזאָגט:

הויבט אָן צו מיין גאָט מיט פּויקן,
זינגט צום האַר מיט צימבלען,
גרייט אים צו אַ נייעם שיר,
דערהייבט אים און רופט זיין נאָמען.
וואָרום ער איז דער האַר, וואָס צעשטערט מלחמות:
מחמת אין זיינע מחנות האָט ער מיך מציל געווען צווישן פאָלק
פון דער האַנט פון מיינע פאַרפאָלגער.
געקומען איז אשור אויס די בערג פון צפון,
געקומען מיט צענער טויזנטער פון זיינע חיילות,
וואָס זייער המון האָט פאַרשטאָפּט די שטראָמען,
און זייערע רייטער האָבן באַדעקט די הויכע ערטער.
געזאָגט האָט ער צו פאַרברענען מיינע גבולים,
און טייטן מיינע יונגעלייט מיט דער שווערד,
און מיינע זויגלינגען צו צעשמעטערן צו דער ערד,
און מיינע קליינע קינדער צו געבן צו רויב,
און די בתולות צו נעמען געפאַנגען.
דער האַר דער אַלמעכטיקער צונישט האָט זיי געמאַכט דורך דער האַנט
פון אַן אשה.

וואָרום נישט געפאַלן איז זייער מעכטיקער פון יונגעלייט,
נישט האָבן די זין פון ריזן אים געשלאָגן ;
אויך האָבן נישט הויכע ריזן אים באַצוווּנגען ;
נאָר יהודית טאָכטער פון מררי,
מיט דער שיינקייט פון איר פּנים געמאַכט האָט אַ סוף צו אים.
וואָרום אויסגעטון האָט זי דאָס קלייד פון איר אלמנהשאַפט
פאַר אַ דערהייכונג פון די דערנידריקטע אין ישראל,
האָט זיך געזאַלבט דאָס פּנים מיט מור,
און געפלאָכטן אירע האָר אין אַ קרוין,
און זיך אָנגעקליידט אַ לייַנען קלייד אים צו פאַרפירן.
דאָס סאַנדאַלעכל אירס האָט אים פאַרכאַפּט דאָס אויג,
און איר שיינקייט האָט זיין זעל גענומען געפאַנגען ;
אַדורך איז די שווערד דורך זיין האַלז.
אויפגעשוידערט האָבן פּערסער פון איר מוט,
און דערשטוינט געוואָרן יעדער פון איר געוואַגטקייט.
דעמאָלט האָבן מיינע דערנידעריקטע אויסגעשריגן,
און מיינע אוממוטיקע האָבן זיך דערשראָקן און געוואָרן פאַרצאָגט,
האָבן אויפגעהויבן זייער קול, און זענען אַנטרונען.
זין פון יונגע פרויען האָבן זיי אַדורכגעשטאָכן,
און ווי קינדער פון אַנטלאָפענע האָבן זיי זיי פאַרוווּנדעט ;
אומגעקומען זענען זיי אין דער שלאַכט פון מיין האַר.
איך וועל זינגען צו מיין גאָט אַ ניי געזאַנג :
האַר, דו ביזט גרויס און הערלעך,
ווונדערלעך אין קראַפט, אומאיבערשטייגלעך.
זאָל דיך דינען די גאַנצע באַשאַפונג דיינע ;
ווייל דו האָסט געזאָגט, און זיי זענען אַנטשטאַנען,
האָסט אַרויסגעשיקט דיין גייסט, און ער האָט זיי אויפגעבויט.
און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיךאַקעגנשטעלן דיין קול.
וואָרום בערג וועלן ציטערן פון זייערע פונדאַמענטן מיט וואַסערן,
פעלזן וועלן צעפליסן ווי וואַקס פאַר דיין פּנים :
דאָך ביזטו באַרמהערציק צו די, וואָס פאָרכטן זיך פאַר דיר.
צו קליין איז יעדעס קרבן פאַר ריח־ניחוח,
און אַלדאָס פעטס זער קליין פאַר אַ קרבן־עולה דיר :
ווער אָבער עס פאָרכט זיך פאַרן האַר איז גרויס תמיד.
וויי די גוים, וואָס הויבן זיך אויף קעגן מיין שטאַם :
דער האַר דער אַלמעכטיקער וועט נקמה נעמען אין זיי אין יום־הדין,
וועט געבן פייער און ווערעם אין זייער לייב ;
און זיי וועלן קלאָגן אין יסורים אויף אייביק.
און ווען זיי זענען געקומען קיין ירושלים, האָבן זיי זיך געבוקט צו גאָט ;



און נאָך דעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך גערייניקט, האָבן זיי גענענט די עולות זייערע, און די שלמים, און די מנחות. און יהודית האָט מחרים געווען אַלע כלים פון האָלאָפערנעסן, וואָס דאָס פאָלק האָט איר געשענקט, און די חופּה, וואָס זי האָט זיך גענומען פון זיין שלאָפקאַמער, האָט זי געגעבן ווי חרם צו גאָט. און דאָס פאָלק האָט זיך געלאָזט ווילגיין אין ירושלים פאַרן בית־המקדש דריי חדשים לאַנג, און יהודית איז פאַרבליבן מיט זיי.

אָבער נאָך אָט די דאָזיקע טעג איז יעדער איינער צוריקגעגאַנגען צו זיין ירושה, און יהודית איז אַוועק קיין בתוליה, און איז דאָרט פאַרבליבן ביי איר פאַרמעגן, און איז געהאַלטן געוואָרן ערלעך די גאַנצע צייט אין גאַנצן לאַנד. און אַ סך האָבן זי באַגערט, אָבער קיין מאַן האָט זי נישט דערקענט אַלע טעג פון איר לעבן, פון דעם טאָג אָן ווען איר מאַן מנשה איז געשטאָרבן און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק. און זי איז געוואָרן זער גרויס ; און איז אַלט געוואָרן אין איר מאַנס הויז, הונדערט און פינף יאָר, און האָט פרייגעלאָזט איר קאַמערדינסט. און זי איז געשטאָרבן אין בתוליה ; און מען האָט זי באַגראָבן אין דער הייל פון איר מאַן מנשה. און דאָס הויז ישראל האָט געטרויערט נאָך איר זיבן טעג. און פאַר איר שטאַרבן האָט זי צעטיילט איר פאַרמעגן צו אַלע קרובים פון דעם מאַן אירן מנשה, און צו די קרובים פון איר אייגענעם שטאַם. און עס איז מער נישט געווען קיינער, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די קינדער ישראל אין די טעג פון יהודית און נאָך איר טויט אַ לאַנגע צייט. אמן.

פון תרגום השבעים איבערזעצט.
**א. אלמוג**

## אליהו פאַלושאַק

## דער גרויסער שטאַטס־וויזיט און יידישע רעפּרעזענטאַנץ

ס'איז שוין, ווי מען זאָגט אין פּויליש : „פּאָ וועסעלו". ס'איז שוין נאָך דער חתונה און די מחותנים צעפאָרן זיך אַהיים צופרידענע (אָדער אָנטוישטע) יעדער צו זיין שטאָט און היים, און דאָרט חזרן זיי איבער, צעלייגן אויף אַלע טעלערלעך די געגעסענע הנאות און כיבודים אָדער עגמת נפשן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער גרויסער שמחה.

בולגאַנין און כרושטשאָוו, די צוויי פּראָמינענטע פאַרטרעטער פונם איצטיקן אַלרוסלאַנד, דעם גרעסטן מלוכה־פאַרבאַנד אין דער וועלט, זיינען דאָ געווען אין לאָנדאָן אַלס אָפיציעלע געסט פון דער בריטישער מלוכה. זייער שטאַטס־באַזוך איז געווען אַן אָפיציעלער, און שוין פון לאַנג צוגעגרייט. חדשים־לאַנג פאַר דעם דאָזיקן געשעעניש איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער גאַנצער ענגלישער פּרעסע, סיי פון פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן און סתם פון פאָלק אַליין ; אַ דיסקוסיע, וועלכע האָט בולט אויסגעדריקט די פאַרוואָרצלטע דעמאָקראַטיע אין אַלע שיכטן פון דער בריטישער באַפעלקערונג. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע שטימען האָט קלאָר אויסגעדריקט די מיינונג, אַז

לויט זייער (בולגאַנינס און כרושטשאָווס) פּראָוואָקאַטאָרישן באַנעמען זיך אין אינדיע און בורמא, דאַרף מען זיי, די צוויי באַמבאַסטישע פאַרטרעטער פון דער נאָך־סטאַלין־ערע, גאָרנישט „אַריינלאָזן אין אַן אָרענטלעכער שטוב״.

די שטימונג האָט זיך אַ ביסל געענדערט נאָכדעם ווי עס זיינען באַקאַנט געוואָרן די רעדעס פון כרושטשאָוו און מיקאָיאַן אויף דעם 20־טן אַלרוסישן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווו די צוויי פּראָמינענטע פירער האָבן אין שאַרפע ווערטער אָפּן דענונצירט אַלע מיאוסע מעשים, רדיפות, פּראָצעסן, פאַראורטיילן און דערשיסונגען פון די 30־ער יאָרן אָן ביז צו סטאַלינס טויט, און האָבן צוגעזאָגט אַ פולשטענדיקע ריינוואַשונג פון די נעמען פון די אומשולדיק־אומגעבראַכטע קרבנות פון בימי סטאַלין, און רעהאַביליטאַציע און באַפרייאונג פון די, וועלכע שמאַכטן נאָך היינט אין די טורמעס און קאַטאָרגעס פון וויטן רוסלאַנד.

נאַטירלעך האָבן מיר יידן דאָ אויך אַ שטיקל רעכנונג. „אַ שטיקל רעכנונג״ איז אַ ביסל צו עניוותדיק געזאָגט. אַלס יידן האָבן מיר צום היינטיקן רוסלאַנד גרויסע, גאָר גרויסע פּרעטענציעס, און דער רעכנונג, וועלכן מיר קענען און וועלן פּרעזענטירן, נעמט אָן גרויסע מאָראַלישע דימענסיעס. מילא, די אומשולדיק־דערמאָרדעטע שרייבער, קולטור־טוער און מנהיגים פונם רוסישן יידנטום קען אפילו דער מעכטיקער טריומפיראַט בולגאַנין־כרושטשאָוו־מיקאָיאַן אויך נישט מער לעבעדיק מאַכן. ניין, דאָס איז נישט מער מעגלעך! זיי לעבן נישט מער, טויט, און אומשולדיק דערמאָרדעט, און זיי געהערן (אפילו אַלס פאַרבלאָנזשעטע אָנבעטער צו אַ פאַלשער טיראַנישער „גאָטהייט״) צו אונזער גרויסער טראַגישער אַרמיי פון קדושים און מאַרטירער. אָבער וואָס מען קען פאַרלאַנגען איז נישט נאָר די רעהאַביליטאַציע פון די אומגעקומענע קדושים, נאָר די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון אַלע אומשולדיק־פאַראורטיילטע און פאַרשיקטע אין די ווילדע סיבירישע טייגעס און צפונדיקע שקלאַפן־לאַגערן. און מען זאָגט, אַז דאָס איז שוין צום טייל געשען.

די באַרבאַרישע אַקציעס קעגן די יידישע שרייבער, קולטור־טוער און מנהיגים איז דאָך נישט סתם געווען אַ קאַפּריזנע אַקציע קעגן יחידים־יידן, וועלכע זיינען, לויט סטאַלינס מיינונג, נישט געגאַנגען בדרך הישר, אין דער אַפּאָרטוניסטישער פאָרגעשריבענער סטאַלינישער ליניע. די דאָזיקע אַקציעס, אָנגעהויבן אין יאָר 1948 מיט די באַקאַנטע אַרעסטן פון איציק פעפער, דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש און אַנדערע שרייבער און פירער פונם יידישן קולטור־לעבן, און וואָס האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט אין דער אומגלויבלעך מיטלאַלטערלעך־פינצטערער באַשולדיקונג קעגן די יידישע דאָקטוירים, זיינען געווען אַ ווילדע שטראָף־עקספּעדיציע קעגן דעם אַלרוסישן יידנטום, וואָס האָט אין זיין וויטאַליטעט, אין וואָרט און שריפט, אויסגעדריקט דעם ווונטש, באַזונדערס נאָך דער טראַגישער ערע היטלער, און דעם אויפשטייגן פון מדינת ישראל, זיך יידיש־נאַציאָנאַל אויסצולעבן. דאָס האָט סטאַלינען אין זיין נייער טיילט אונז מיט, אַז בולגאַנין און כרושטשאָוו האָבן די יידישע פירער מיאוס



פאַנסלאַווישער שיטה נישט אַריינגעפּאַסט. און ס׳איז געשען דאָס טראַגי־קאָמישע, אַז רוסלאַנד, ווו אַנטיסעמיטיזם קעגן דעם יחיד איז שטראָפּבאַר, איז נאָך דער ערע היטלער געוואָרן דער גרעסטער עקזעקוטיווער כוח פון אַ שטאַאַטס־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט דעם רוסיש־יידישן ישוב אינגאַנצן עלימינירט אַלס נאַציאָנאַלע און קולטורעלע איינהייט און גאַנצקייט, וועלכע האָט זיך געוואָלט יידישלעך אויסלעבן אין די ראַמען פון דער באַשטייענדיקער רוסיש־קאָמוניסטישער קאָנסטיטוציע, און קיינמאָל נישט קעגן איר.

נאַטירלעך האָט דער מלוכה־באַזוך פון די צוויי דערמאָנטע רוסישע פירער אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער פּרעסע און אינם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין געוויסע אינטערעסירטע יידישע קרייזן האָט מען לעבעדיק דיסקוטירט, ווי אַזוי מען זאָל זיך פאַרהאַלטן בשעת זייער דאָ־זיין אין לאָנדאָן. זאָל מען אָפּן דעמאָנסטרירן אונזער ווידערווילן קעגן די עוולות, וועלכע זיי און זייערע פאָרגענגער זיינען באַגאַנגען קעגן אונזער ברודער־ישוב אינם סאָוויעטן־פאַרבאַנד ? זאָל מען רופן פּראָטעסט־מיטינגען, אָננעמען רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן אויסדריקן אונזער צער, ווייטיק און צאָרן, אָדער גאָר צושטעלן אַ מעמאָראַנדום, וואָס זאָל זיין ווי אַ מין „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו״, וואָס זאָל געבן ריכטליניעס פאַר דער באַפרייאונג און רעהאַביליטאַציע פונם רוסיש־יידישן ישוב ? נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די האַרטגעזאָטנקייט און ענערגישע אַנטשלאָסנקייט פון די פאַראַנטוואָרטלעכע מלוכה־מענער פונם היינטיקן רוסלאַנד, איז באמת נישט געווען אַזוי לייכט אויסצוגעפינען דעם ריכטיקן וועג : וואָס צו טון און ווי אַזוי צו האַנדלען. פון דערהויבנקייט ביז לעכערלעכקייט פירט נאָר אַ קורצער שטריך, און יעדער פאַלשער שריט קען פירן צו אַ פאַרשעמונג, וואָס קען זיך אויסווירקן מאָראַליש פאַר ווייטערע צוקונפטיקע דעמאַרשעס.

איינקייט אין האַנדלען און אויפטרעטן איז אין אַזאַ פאַל אַ הייליקער געבאָט פון דער שעה. באַרימט זיך דאָך דער היגער יידישער ישוב, אַז ער איז דער בעסט־אָרגאַניזירטער אין אייראָפּע, אפילו בעסער און צענטראַלער אָרגאַניזירט ווי דער גרויסער און רייכער אַמעריקאַנער יידישער ישוב. ווערט דאָך די באָארד אָף דעפּוטיס באַטראַכט אַלס די רעכטמעסיקע פאַרטרעטונג פונם בריטישן יידנטום סיי לגבי דעם אינלאַנד און אויסלאַנד. אַזוי ווי עס איז נישטאָ אינם גאַנצן לאַנד עפּעס בעסער־אָרגאַניזירטעס, מוז מען די „באָארד״ מיט איר היסטאָרישער טראַדיציע אַנערקענען אַלס די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פונם בריטישן יידנטום. האָט טאַקע די באָארד אָף דעפּוטיס אַ קורצע צייט פאַר דעם שטאַאַטס־באַזוך געדאַרפט אַרויסגיין אויף דער יידישער גאַס מיט אַן אויפקלערונגס־אַקציע, און אַזוי אַרום שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט פונם יידישן ישוב מיט אָנגענומענע באַשלוסן, וואָס זי, די „באָארד״, האָט צו פאָדערן פון די רוסישע מלוכה־מענער פאַר דעם באַעוולהטן רוסיש־יידישן ישוב.

דאָס איז לײדער נישט געשען. ס׳איז דאָך שוין אחר המעשה, און די פּרעסע באַהאַנדעלט, און האָבן זיי אָפּגעזאָגט אַן אָפענעם אינטערוויו. סעפּאַראַטע אינ־

טערוויוס זיינען פאַרלאַנגט געוואָרן פון דער „באָארד“, פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער אגודת ישראל. „די באָארד אָף דעפּוטיס האָט געשיקט אַ מעמאָראַנדום צו די סאָוויעטישע פירער וועגן דער לאַגע פונם רוסישן יידנטום“, אַזוי באַריכטעט די „דזשואיש קראָניקל“ פונם 27־טן אַפּריל.

אַזאַ מין דריי־פּראַנטיקע צעשפּליטערטקייט טויג נישט, איז שעדלעך, און מחמת אונזער היינטיקער איינזאַמקייט אין דער גאַנצער וועלט (איך מיין דערמיט אויך און גאַנץ באַזונדערס דעם קאַמף פון מדינת ישראל פאַר איר עקזיסטענץ) זיינען דריי דעמאַרשעס: פון דער איינציקער און רעכטמעסיקער פאַרטרעטונג פונם בריטישן יידנטום, די באָארד אָף דעפּוטיס; פון דער בריטישער סעקציע פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכע איז נישט קיין דירעקטע אָדער אומדירעקטע רעכטמעסיקע פאַרטרעטונג פונם היגן יידנטום, און וועמענס אויפגאַבן עס ליגן אויף אַ גאַנץ אַנדערן געביט; און פון אונזערע „סעפּאַראַטיסטן“, די אגודת ישראל, וועלכע רייסן זיך אין די לעצטע יאָרן מיט געוואַלד אין די הויכע פענסטער פון דער גרויס־פּאָליטיק, מיט וועלכער זיי טוען אָן מער שאָדן ווי נוצן. נישט דערפאַר וייל מיר געפעלט די באָארד אָף דעפּוטיס אין איר צוזאַמענשטעלונג בעסער, ווי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס. ניין! אָבער די „באָארד“ (און דאָס מוז שטענדיק ווערן אונטערגעשטראָכן) איז די רעכטמעסיקע היסטאָריש־אָנערקענטע און דעקלאַרירטע פאַרטרעטונג פונם בריטישן יידנטום. מוזן אַלע אָרגאַניזאַציעס אינם יידישן לעבן איר געבן די געהעריקע מאָראַלישע אונטערשטיצונג אין אַלע לעבנס־וויכטיקע יידישע פראַגן. די „באָארד“ מוז אין איר צוזאַמענשטעלונג און ווירדיקער האַלטונג זיין חשיבותדיק גענוג צו קענען געהעריק דערפילן איר אויפגאַבע. אַ צעשפּליטערונג פון נישט־אויטאָריזירטע גרופּעס ברענגט שאָדן און חרפּה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

## דער מארד פון די יידישע שרייבער

אויב מיר האָבן נישט קיין אייגענע אַטאָם־ און הידראָגען־באָמבעס, האָבן מיר בכלל זיך נישט אַריינצומישן אין דעם ציניש שפּיל פון בערעלעך און יאַגדפערדעלעך, וואָס גייט איצט אָן אין דער גרויסער פּאָליטישער וועלט.

אָבער מיר גלויבן נאָך, אַז אונטער דער דיפּלאָמאַטישער מאַסקע געשטאַלטיקט זיך דאָס פּנים פונם קומענדיקן מענטש. דער היסטאָרישער פּראָצעס פירט, בעל כרחך, דורך אַלע קרומע און געדרייטע וועגן, צו די אחרית הימים טעג פון אונזערע נביאים און פון די גערעכטע פון דער וועלט.

דער שרייבער פון „מידת הדין“, דוד בערגעלסאָן, שטייט מיר אַצינד פאַר די אויגן מיט זיין גאַנצער שפּערישער און מענטשלעכער זשוואַוועקייט און צוואַנעקייט, און דער איידעלער דוד האָפּשטיין מיטן גאַנצן חסד־שבחסד אין זיינע גוטע אויגן.

פאַר מיר איז דער ענין פון די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, נישט בלויז אַ שרייבעריש פּראָפעסיאָנעלער, נאָר אַ ריין פּערזענלעכער; איך בין כמעט מיט אַלע, מיט איינעם מער מיט איינעם ווייניקער, געווען אין אַ משפּחהדיקער באַציאונג. אין מיין יוגנט בין איך געווען מיט זיי אין אַ בלוט־בונד פון ברידערלעכקייט.



דערפאַר איז נישט די פראַגע איצט פאַר מיר צו רופן פּאַטעטיש און פון אַ פּאָליטישן געוויסן גרונט צו אַ משפּט די שולדיקע, אויך נישט מצדיק את הדין זיין די געשאָסענע.

און אויב איך האָב, נאָך ביי זייער לעבן — ווען ס׳זיינען אָנגעגאַנגען די באַנאַלע ליטעראַרישע רייסערייען, און די „גרויס“־פּאָליטיקער פון ביידע רייען האָבן זיך געריסן אויף די העלזער, ווי נאָר מען קען זיך פּאַרטייאיש ליטעראַריש אומפאַראַנטוואָרטלעך אַרומרייסן — געוואָרענט: רייסט זיך נישט אין צופּיל מיט סטאַלינען, ווייל ער איז אַ גוי, און ער קאָן ווערן אַן אַנטיסעמיט, גייט ממילא דאָס נעמלעכע אויך אויף כרושטשאָוון. מיר שטעקן נאָך מיט איבער צוויי מיליאָן יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד כן ירבו . . .

וואָס איך וויל איז עפּעס פּערזענלעכעס דערציילן איבער די שרייבער קדושים און עס זאָל אַרויסקומען עפּעס פון זייער גרויסקייט און נאָך מער פון אונזער גרויסן בראָך.

אין יענע יאָרן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, בערגעלסאָן האָט געזוכט צו געפינען אַ תּיקון אין אַמעריקאַנער „פאָרווערטס“, מאַרקיש אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“, דוד האָפּשטיין איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, קוויטקא און ניסתר האָבן געאַרבעט ביים האַפן אין האַמבורג, קולבאַק האָט ממש געהונגערט.

די רעליגיעזע וועלט ווייזט אונז די טיר, די בורזשואַזע — לאָזט אונז נישט איבער דער פערד־באַפּאָטקאָוועטער שוועל צומאָל. דער גרויסער בערגעלסאָן געפינט אַ מקום־מקלט ביי אַ רייכן קרוב אין אַ קעלער־שטוב, ווו ער שרייבט זיינע וווּנדערלעכע קינסטלעריש־ראַפינירטע דערציילונגען פון זיין בערלינער עפּאָכע.

אין בין־השמשות־שעה׳ן פלעג איך אַריינפאַלן צו אים און ער פלעגט אויספייפן זיין גאַנצן טרויער אין זיין פּאַסטוך־פייפל. וויפיל ערלעכער צער און בענקשאַפט איז אין אים דאַמאָלט געווען און וויפיל באַוווּנדערונג אין מיר.

אָ, דער צער דעמאָלט, ווען דער איידעלער האָפּשטיין איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל, אַן אויסגעהונגערטער און גייסטיק־דערשלאָגענער. צי קאָן איך פאַרגעסן דאָס ציטערן פון דעם פליאַכעוואַטן צאַרטן קעפּל ווען ס׳איז געפאַלן אויף מיין אַקסל, איך אַ יינגל נאָך מיט פאַרערונג צום גרויסן ליריקער.

און מיר, „די יונגע“, פראַווען אָרגיעס אין די נעכט — די „כודאָזשניקעס“ פון איין זייט, די אָנפאָרנדיקע „כאַליאַסטרע“ פון דער אַנדערער זייט. דער גוטער אַלעקסאַנדער חאַשין פירט טיש פון דער באָהעמיש אין ראָמאַנישן קאַפע, און דער שטרענגער נחום שטיף זאָגט מוסר. אוקאַין רוסלאַנד גייט אויס אַ דריי מיליאָניק פאַרוואָרצלט יידנטום אָן רעליגיע, און ציוניזם — דער יידישער אַרבעטער אַסימילירט זיך אויף דער לינקער זייט.

די פאַראַנטוואָרטלעכע, האָפּשטיין, נסתר, שטיף, כאַשין, גייען באַלד

צוריק מחזק זיין דעם יידישן ישוב דאָרט. און די ייִנגערע, די קונסט גלויביקע גרייטן זיך צו דער נסיעה: סאָוויעט רוסלאַנד, דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט וואָס קומט באַפרייען די נידריקסטע און די באַליידיקטסטע — און וואָס איז נאָך אַזוי באַליידיקט ווי יידיש און די יידישע ליטעראַטור; פונם אייגענעם פאָלק אפילו איז עס דערנידריקט און באַשפּיגן; פון די בעל־ביתלעך און פון די משכילים אויסגענוצט, ווי אַ פּלגש, ווי אַ נידריקע „שפחה". נו, גייען מיר מיטן פּראָלעטאַריאַט, מיטן ערלעכן אַרבעטער! גאַנץ זיין מיט אים, מיט לייב און לעבן, „בכל לבבך ובכל נפשך" און מיטן שווייס פון פּנים עסן אַן ערלעך שטיקל ברויט.

און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט אונזערע סאָוויעטישע שרייבער, אונזערע פאָרמער פונם נייעם יידישן וואָרט — געגאַנגען גאַנץ מיט דער ליניע! עס זאָל נאָר אויף זיי קיין חשד נישט פאַלן, חלילה . . .

באמת, פעפער האָט געפּייקלט דעם ריטם־מאַרש פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און געפירט „די ייִנגען פון די סטעפּעס" פאָראויס, ווי דער בעסטער סטאַכאַנאָוויעץ.

יאָ, די מיינסטע פון זיי זיינען געווען משכיליש־פּראָלעטאַריש, אַ סך פון זיי באַוווסטע מאַרקסיסטן; אַלע אָבער זיינען געווען יידישלעך אַדורך און אַדורך. זיי זיינען געווען די מאָדערנע מאַראַנען, די קרבנות פון דער דעגענערירטער אייראָפּעאישער קולטור פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און זיינען געוואָרן יידישע קדושים פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

מיר קענען זייער מאָרד נישט מוחל זיין! אויב מיר האָבן אַ סך מאָל פאַרגעבן אין צאַרישן רוסלאַנד פּאָגראָמען, איז עס געווען צוליב דעם רוסישן נפש, זיך אויסניכטערנדיק פון זיין שיכרות איז ער געפאַלן אויף די קני פאַר זיין קרבן און געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דער ערד; ער האָט געוויינט צוזאַמען מיט אונז און מיר האָבן דערפילט זיין אינערלעכע חרטה — זיין רעהאַביליטירן זיך.

דאָס מאָדערנע סאָוויעט רוסלאַנד רעדט נאָך ציניש צו אונז, זיי ווילן די קרבנות רעהאַביליטירן! אַזאַ מין מאָרד גייט אַרויס פון גדר פון פּאָליטיק און מען קאָן אים אויך נישט וואַרפן אויף אַנדערע... דער מאָדערנער סאָוויעטיש־רוסישער מענטש מוז זיך רעהאַביליטירן פאַר דעם מאָרד, כדי מען זאָל קענען גלויבן און קענען נעמען ערנסט. דאָס איז נישט קיין שפּיל אין פּאָליטיק פון בערעלעך און יאַגד־פערדעלעך, דאָס איז אַ בלוטיק ערנסטער ענין צווישן אייגענע, צווישן זיך — דאָ קאָן מען גאָרנישט באַהאַלטן אונטער דיפּלאָמאַטישער מאַסקע — עס האַנדעלט זיך אינם פּנים פונם קומענדיקן מענטש, אַז מען זאָל נישט ווערן קיין שפּיי טון דעריין, ווי אין אַ מיאוסן פּרצוף.

ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 12־טן מאַי — י. ריכטיגער: דער יו"ט שבועות אין תלמוד.

שבת, דעם 19־טן — ש. ל. קרעדיטאָר: פּרק אבות — די יידישע עטיק.

שבת, דעם 26־טן — מ.מינדעל: יידיש, די באַזע יידישקייט.

שבת, דעם 2־טן יוני — וועט י. ל. פּיין האַלטן אַ פאָרטראַג.

# יידישע קולטור ידיעות

די לאָנדאָנער קאָונטי קאָונסיל האָט אין הונדערטסטן געבוירן־טאָג פונם שאַפער פון פּסיכאָ־אַנאַליזע, פּראָפעסאָר דר. זיגמונד פרויד, אויפגעקלאַפּט אַ געדענק־טאָװל אין הויז, װו דער גרויסער יידישער װיסנשאַפטלער האָט געלעבט און געאַרבעט זיינע לעצטע יאָרן.

• • •

שלום אַש איז צוריק אין לאָנדאָן פון זיין לענגערן אויפהאַלט אין ישראל.

• • •

„פריינט פון יידיש לשון" צוזאַמען מיט די סטעפּני קאָונטי קאָונסיל האָבן איינגעאָרדנט אַן אָװנט פון די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער אין ענגלאַנד. געליינט פון זייערע װערק האָבן ש. ל. קרעדיטאָר, י. ל. פּיין, י. ביעטש. אייזיק גאָלדבערג און נ. רובין האָבן רעציטירט פון די לאָנדאָנער יידישע דיכטער. פּאָרזיץ, א. נ. שטענצל. דער אָװנט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אברהם סטאָלאַר, דער סעקרעטאַר פון בונד איז אויף אַ באַזוך דאָ אין לאָנדאָן. אויף דער שמואל זיגלבוים יאָרצייט האָט דער חשובער גאַסט אויפן קרעמעטאָריום־צוזאַמענטרעף, געהאַלטן די זכרון־רעדע.

• • •

מיר װינטשן אַ רפואה שלימה דעם אַקטיאָר איזי בלעקער װעלכער געפינט זיך זייט אַ צייט אין שפּיטאָל.

• • •

אין יידישן טעאַטער טרעט איצט אויף די אַמעריקאַנער אַקטריסע צילי דראַפּקין טרעט אויף מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

זונטיק, דעם 13־טן מאַי, פייערט „פריינט פון יידיש לשון", װעסט ענד בראַנטש, די 300 יאָר פונם צוריקקער פון יידן קיין ענגלאַנד, מיט א. ראָלין אַלס רעדנער.

• • •

דער זון פונם נישט לאַנג געשטאָרבענעם שרייבער, לעאָן האָכשטיין, װעלכער איז אין אַקטיװן מיליטער־ דינסט אין ישראל, װאָס איז געקומען שטעלן אַ מצבה זיין פאָטער, פאָרט צוריק אָפּ קיין ישראל.

• • •

דער אַרבעטער־רינג האָט געפייערט דעם „300־סטן יובל" מיט די הויפּט רעדנער א. ראָלין, סעם דרין און מ. מינדעל.

די 19־טע אַפּריל פייערונג צום זכרון פונם װאַרשעװער געטאָ אויפשטאַנד, איז געפייערט געװאָרן אין די איסט ענד פון „פריינט פון יידיש לשון" צוזאַמען מיט איר װעסט ענד בראַנטש אין „רידינג רום". דער הויפּט רעדנער איז געװען: מיכל זילבערבערג.

עס האָבן אויך געפייערט דער יידישער װעלט־קאָנגרעס, איסט ענד בראַנטש (אפנים די אַנדערע בראַנטשעס שטייט שוין נישט אָן דער כבוד), דער אַרבעטער־רינג, אחדות העבודה, און די װיצאָ, איסט ענד. די איינציקע פייערונג װאָס איז פאָרגעקומען מחוץ פונם װייטשעפּל־ראַיאָן איז געװען אין װאַרשעװער קלוב. הויבט רעדנער: פּראָפעסאָר לעװי, עליק װאָטערמאַן.

אויך די פּויליש־יידישע עקס־סערװיס־מען האָבן דעם יזכור־אָװנט געפייערט אין דער סעמור־פּלעס־סינאַגאָגע אין דער װעסט־ענד. יהודים זיינען מסתם פּטור.

• • •

אויפן אָנדענק אָװנט: „דער מאָרד פון די יידישע שרייבער אין סאָװיעט־רוסלאַנד", װאָס איז איינגעאָרדנט געװאָרן פון „פריינט פון יידיש לשון" צוזאַמען מיטן שרייבער־פאַראיין, אויף װעלכן עס האָבן גערעדט א. מ. קייזער, יוסף פרענקל, שלמה אויערבאַך און א. נ. שטענצל, איז אָנגענומען געװאָרן אַ רעזאָלוציע, װעלכע איז צוגעשיקט געװאָרן צום סאָװיעט־רוס־שן קאָנסולאַט.

• • •

די פייערונג לכבוד שלום עליכמס 40־טן יאָרצייט װאָס „פריינט פון יידיש לשון" האָט איינגעאָרדנט דעם 8־טן מאַי, אין אַדלער האָל, איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. צװישן די באַגריסונג־רעדנער פון שרייבער װי חזן רעװ גאָטליב, ליסקי, מינדל, ביילין און שטענצל, האָבן זיך אויך געפונען דער באַרימטער יידישער מאָלער יוסף הערמאַן און דער באַרימטער אַקטיאָר מאיר צעלניקער. קלאַראַ מייזל און א. מייזל האָבן געמאַכט אַ שלום עליכם סצענע, נ. רובין האָט געליינט אַ שלום עליכם מאָנאָלאָג, ר. הײשעריק האָט געזונגען דאָס באַרימטע װיגן ליד פון שלום עליכם. י. ביעטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

דער אָװנט איז געװען ממש אַ מאַסן מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אויף װעלכער אַלע אָנפירנדיקע פון יידישער קולטור קונסט האָבן זיך באַטייליקט.

## יידישע קולטור ידיעות (המשך)

די בונדישע גרופע אין ענגלאַנד, האָט גע־פייערט דעם 1־טן מאַי ביי געדעקטע טישן אין אַרבעטער רינג. דער רעדנער איז געווען לוציאַן בליט. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מ. מינדל.

• • •

דער פייערונג־באַנקעט, וואָס „קריינט פון יידיש לשון“ האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם „אַלמאַנאַך 1956“ איז אַדורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג. דעם פאָרזיץ האָט געפירט י. ביעטש.

• • •

דינסטיק, דעם 8־טן מאַי האָט עלעק וואָ־טערמאַן געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער די לאַגע פון יידיש אין פוילן, אין אַנגלאָ־ישראל קלוב.

• • •

„פריינט פון יידיש לשון“ האָבן ביי אַ שבת־נאָכמיטאָג גלעזל טיי געפייערט דעם 60־טן געבוירן יאָר פון אייזיק גאָלדבערג, איינעם פון די וויכטיקע מיטגרינדער פון „פריינט פון יידיש לשון“ און אַ פיינעם רעצ־טאַטאָר דאָ אין ענגלאַנד.

• • •

## רעדאקציע נאטיץ

מיר בעטן אַלע אונדזערע פריינט, וואָס האָבן באַקומען צוגעשיקט דעם יובל־אַלמאַנאַך, צוצושיקן דעם באַטרעפנדיקע בייטראַג. דאָס זעלבע בעטן מיר אויך אונזערע אַבאָנעמענטן אונז צו שיקן דעם יערלעכן אָפּצאָל פאַרן זשורנאַל. עס קומען אָן די קריטישע זומער חדשים און מיר נויטיקן זיך ממש אין די לעצ־טע פאָר שילינג צו באַצאָלן דעם דרוקער.

ליידער איז אין אַלמאַנאַך אַריינגעפאַלן איניקע פאַרדריסלעכע גרייזן. אויף זייטל 108, שורה 4, מוז אַנשטאָט און „חזנים גאַנצע ראָטעס“, זיין „חזרים גאַנ־צע ראָטעס“. אויך איז צווישן די פאַרשטאָרבענע שרייבער אַרויסגעלאָזן קייטי בראון, ע.ה.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „וויטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט“, שמואל ווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 297) זיבעצנטער יאָרגאַנג יוני 1956 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| דער קולמינאַציע־פונקט, שפּאַצירנדיק אינם גאָרטן פון לאַמבעט־פּאַלאַץ ............ ** | 1 |
| שלום עליכם הומאָר (עסיי) ............ ש. גאָלדשמידט | 5 |
| מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין ווייב שיינה שיינדל פון תל־אביב ............ א. מייזלס | 7 |
| שוואַנען־געזאַנג, עפּעס אַ סוד, א.א. (לידער) ............ א. נ. שטענצל | 12 |
| גאַנצע טעג, איך זינג (לידער) ............ ש. זאַלקין | 15 |
| אַ טאָג אין מאַי (דערציילונג) ............ רחל מירסקי | 16 |
| אַ גוטע עצה (מיניאַטור) ............ ש. ל. קרעדיטאָר | 20 |
| אונדזערע צייטן (נאָטיצן) ............ מ. אַלמאַן | 21 |
| לערער און שרייבער (רעצענזיע) ............ יחזקאל בראָנשטיין | 23 |
| ליטעראַרישע נייעס פון אויסלאַנד ............ מ. בעקערמאַן | 25 |
| I. שלום עליכם דער דראַמאַטיקער (צום 40־סטן יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער; II. יעקב דינעזאָן (צו זיין 100 געבוירן יאָר) ............ ש. | 26 |
| לאָנדאָנער קולטור־ידיעות ............ | 32 |
| יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ............ | 32 |


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אַבאָנענט־פרייז — 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*